NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13313

# A SHTETL

Isaac Meir Weissenberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שול-ביבליאָטעק

סעריע ביזאָקטיאבעריסטע ליטעראטור

י. מ. ווײַסנבערג

# א שטעטל

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1933

13/6061

שול־ביבליאָטעק
סעריע ביזאָקטיאַבערישע ליטעראַטור

י. מ. ווייסנבערג

# א שטעטל

## א דאָר גייט אוועק, א דאָר קומט

צונויפגעשטעלט און ספּעציעל באַאַרבעט פאַר דער שול מיט א פאָרעדע — ש. קליטעניק

צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק און פּרעסע אַרכיוו

PRIN i D in U.S.S.R.

פאַרלאַג „עמעס“, מאָסקווע 1933

# וועגן י. מ. ווײַסנבערגס „שטעטל".

## (פֿאָרוואָרט)

געוויינלעך איז אָנגענומען, אז ווײַסנבערג און אש האָבן אָנגעשריבן צוויי ווערק אפ ענלעכע טעמעס „שטעטל" אנערעך אין איינער און דער זעלבער צײַט, (6־1905 יאָרן) סארא פארדריסלעכער און גרויסער טאָעס עס איז! נאָר ענלעכע נעמען טראָגן די ווערק פון דיביידע סאָציאַל שארף קעגנזעצלעכע שרײַבער.

גאָר אַן אנדער וועלט האָט אויסצודיכטן אין „שטעטל", ווי אין אנדערע זײַנע ווערק, שאָלעם אש — דער בורזשואזער שרײַבער (איצט בורזשואז־פאשיסטישער), און גאָר אַן אנדער וועלט, אנדערע באציונגען האָט אויסצודיכטן דער באַדײַטנדיקסטער ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע מיטגייער פון דער פּראָלעטארישער ליטעראטור מייער ווײַסנבערג.

וואָרעם טעמע איז דאָך אויך א שטיק אידעאָלאָגיע. יענע אַלע פאקטן און געשעענישן, וואָס ווײַזן אויס דעם רעוואָליוציאָנערן, דעם פּראָלעטארישן שרײַבער פאר די וויכטיקסטע און אנטשיידנדיקסטע אין סאָציאַלן לעבן, יענע אַלע פאסירונגען און לעבנס־אומשטענדן, וואָס ווײַזן אויס די דאָזיקע שרײַבער פארן יעסאָד פון אַלע יעסוידעס, גייט דער בורזשואזער אָדער פריצישער שרײַבער געוויינלעך פארביי. דאָס אויג פון בורזשואזן אָדער רעאקציאָנער־קליינבירגערלעכן שרײַבער איז געווענדט אפ אנדערע פאקטן און אומשטענדן, אפ אנדערע סיטואציעס. און גאָר אָפט זײַנען די אומשטענדן און סיטואציעס אויסגעטראכטע, ניט קיין רעאַלע.

אויך די גאַלעריי געשטאַלטן איז א באזונדערע בא די פארשיידענע שרײַבער.

שאָלעם אַש וועט אַ בוך אָנשרייבן וועגן שטעטל און דאָס וועט זײַן אַ בוך וועגן דעם גרויסן וואַלד־און ברויט־הענדלער יעכעזקל גאָמבינער מיט זײַנע הינדלעך און איטעלעך, מיט זײַנע טעכטער און שניר, מיט זײַנע זין און איידעמס. און זייערע מישפּאָכעדיקע צוזאַמענקונפֿטן, זייער מישפּאָכעדיקע און גווירישע פֿרייד וועט באַזונגען ווערן, און ניט נאָר דאָס. אַש וועט זיך סטאַרען באַווײַזן, אַז אַלע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג, אַז דאָס גאַנצע שטעטל, טיילן די גרויסע פֿרייד פֿונעם גוויר יעכעזקל.

וואָרעם יעכעזקל גאָמבינער וועט בײַ אַשן דערשײַנען ווי דער צענטער, אַרום וועלכן די גאַנצע וועלט דרייט זיך, ווי דער פֿאַר־נאָסע־פֿאַרוואָרגער פֿונעם גאַנצן שטעטל און אויך פֿון די אַרומיקע דערפֿער.

יעכעזקל גאָמבינערס שטוב איז דער „בעסמעדרעש פֿון האַנדל״ אין אַשס פּאָזיציע, אידעאַלן זין פֿון וואָרט („בעסמעדרעש פֿון האַנדל״ איז אַשס אויסדרוק און מיטן גרעסטן ערנסט און דער־עבערעץ געגעבן).

אין שטעטל זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, דאָ פֿאַרשיידענע שיכטן: האַנטווערקער, פּורמאַנעס, קליינע קרעמערלעך, — זיי פֿאַרזען איז דאָך אומעגלעך, אָבער זיי אַלע וועלן בײַ שאָלעם אַשן דערשײַנען ווי אָרגאַנישע טיילן פֿון איין גרויסן נאַציאָנאַלן קערפּער, וואָס פֿרייען זיך דערמיט, וואָס אַף דער וועלט זײַנען דאָ אַזעלכע גוטהערציקע, הערלעכע גווירים, ווי יעכעזקל גאָמבינער.

„יעדער האָט געגעבן זײַן טאָן און ניגון — די כסידישע פֿידל, די באַלעבאַטישע טרומייט, די באַלעגאָלישע בעמבע, און עס איז איין ניגון געוואָרן פֿון איין שטעטל״... (ש. אַש „שטעטל״ אויסג. וואַרשע 1911 יאָר ז. 137). פֿאַרשטייט זיך, דער גוויר, יעכעזקל גאָמבינער ווערט בײַ אַשן געגעבן, ווי דער קאָפּ פֿון נאַציאָ־נאַלן קערפּער און זײַן טאָן איז דער כאָשעווסטער אין ניגון.

אַש האָט דאָ ניט מער ווי אויסגעדיכטעט דעם באַוווּסטן טעזיס פֿון די בורזשואַזע סאָציאָלאָגן וועגן דעם, אַז פֿאָלק צעטיילט זיך אַף פֿאַרשיידענע שיכטן, און יעדער שיכט פֿילט אויס זײַן פֿונקציע. די העכערע שיכטן — דאָס בעסטע און שענסטע פֿון פֿאָלק אין אינ־טעלעקטועלן זין — פֿילן אויס די וויכטיקסטע, די באַדײַטנדיקסטע

פונקציעס אינ לעבנ (עקספלואטאטערישע! הענדלערישע!), ווי פירנ אָנ און באלעבאטעווענ מיט די אלע רײַכטימער, וואָס סע שאפנ די ארבעטנדיקע קלאסנ. די העכערע שיכטנ זײַנענ דער מויעכ פונ פאָלק.

און „קלאסנ עקזיסטירנ ניט איבער דעם, קעדיי זיי זאָלנ פירנ צווישנ זיכ א קאמפ, נאָר קעדיי זיי זאָלנ געפינענ אלגעמיינע באַריר־פונקטנ אפנ באָדנ פונ אלגעמיינער סאָציאלער מיטארבעטערשאפט".

„ די קלאָלים פונ א נאָרמאלנ לעבנ פונ יעדער נאציע איז די פרידלעכע צוזאמענארבעט, די פרידלעכע פארשטענדעניש צווישנ קלאסנ. דער קאמפ פונ קלאסנ — דאָס איז שוינ אנ אָפּנויג פונ אלגעמיינעמ קלאל, דאָס איז אנ אומנאָרמאלקײַט און אנטהאלט אינ זיכ א געפאר פארנ געזעלשאפטלעכנ לעבנ, פירט צו קריזיסנ" (טעזיס פונעם פראנצויזישנ בורזשואזנ סאָציאָלאָג, טגורד פראנצ, ארויסגעזאָגט אינ 1903־טנ יאָר).

און טאקע די געשעענישנ פונ 1905 יאָר, וואָס האָבנ געשטעלט אינ געפאר די עקזיסטענצ פונ דער בורזשואזיע אלס קלאס (די פערספעקטיוו פונ באלדיקער אריבערוואקסונג פונ דער בורזשואז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע אינ א פראָלעטארישער), האָבנ געשטויסנ דעם בורזשואזנ שרײַבער שאָלעמ אש אָנצושרײַבנ א פּאָעמע וועגנ א שטעטל, ווו אלע לעבנ אזוי גליקלעכ און אלצ דערפאר, וואָס דאָס שטעטעלע ווײַס ניט פונ קיינ סאָציאלע אופטרייסלונגענ, עס הערשט דאָרט אידיליע פונ קלאסנ און שיכטנ. קלאסנ־און שיכטנ־אכדעס.

פארשטענדלעכ, אזא שטעטעלע מיט אזא „עדלמוטיקנ", „הערלעכנ" עקספלואטאטער האָט קיינמאָל אינ דער געשיכטע ניט עקזיסטירט. עס איז א דורכויס היסטאָרישע פעלשונג אינ די אינטערעסנ פונ די הערשנדיקע קלאסנ (עקספלואטאטערישע)! עס איז א טרוימ פונ די עקספלואטאטערישע קלאסנ נאָר אזא שטעטל, א טרוימ א באזונדערס נייטיקער אינ צײַט פונ גרויסע פארביטערטע סאָציאלע קאמפנ.

און גראָד דער פאקט, וואָס שאָלעמ אש פאסט אופ בורזשואזיע די פאנאנדערשיכטונג אינ דער געזעלשאפט, גראָד דאָס, וואָס שאָלעמ אש לייקנט אינ די קלאסנ־און שיכטנ־קאָנפליקטנ (באזונדערס שארפ ווײַזט זיכ דאָס ארויס אינ „א שטעטל" און אינ „שלוימע נאָגיד" 1912 יאָר), האָט ארויסגערופנ א באזונדערע ליבע און סימ־

פאכיע צו אים בא די בורזשואזע און קליינבירגערלעכע יידישיס־ניסע קריטיקער (פונעם מין ניגער). ער איז געקרוינט געווארן פאר „נאווי פון דער ערד" (ניגער).

מיט וויפל ליבע און ווארעמקייט זיינען דורכגעדרונגען, לעמאשל, די דאזיקע באלמאכשאוועס שורעס: „אומעטום, וו עס בילדעס זיך נאר אפ א רעגע א קאנפליקט, קומט אשס ווייכע קינדער־האנט און פארגלעט דאס. און מיט א קינדעריש־אנציקט לאכנדיק אויג שילדערט ער אונדז אלץ, וואס ברענגט אריין אכדעס, וואס באהעפט, פאראייניקט, שמעלצט צוזאמען".

און מיט א פאר זייטלעך ווייטער: „איז אשס שטעטל א שיינער, ליבער כאלעם פון א קינדעריש געמיט, וו דאס לעבן ציט זיך ווי א קלאר־ווייסער וואלקן איבער א מילדן בלאען הימל. (באלמאכשאווע III ב, צווייטע אויסגאבע, ווילנער פארלאג ז. ז. 17־19).

און אנדעריש האט דאס ניט געקענט זיין, בורזשואזע אידייען האבן געמוזט ארויסרופן באשטעטיקונג בא בורזשואזע און קליינבירגערלעכע (רעאקציאנערע) קריטיקער.

יעכעזקל גאמבינערס געשטאלט, די געשטאלט פונעם שטעטלדיקן גרויסן וואלד־און טוווע־הענדלער, האט אביעקטיוו ריכטיק אנגעצייכנט דער פראלעטארישער פאעט, אונדזער איזי כאריק.

אפ אשס אידעאליזירטן יידישן שאבעס. אפ אשס קוויקענישן און פרייד מיטן „שטויב פון די אלטע הייליקע ספארימ" (אשס אויסדרוק אין „א שטעטל"), אפ אשס קעלבענער היספיילעס מיט די „ליבע פרייטיק־און שאבעס־פארנאכטן", ווערט אונדזער איזי אויסשרייען:

אָ־ווא! — פון דער ערד ביז די הייכן,
אר־ווא! — פון די הייכן ביז דא,
עס נידערט די גאלדענע שא,
ווערט אלץ מיט שאבעס פארצייכנט.

* * *

„עס טריפן די הימלען מיט זיסקייט,
מיט איידלקייט, מיט סיראדאי.
און עס באהאלט זיינע קרעמערשע שליסלען
דער יידישער גאט — אדוינוי"

(„קבלעכריקע וואכן") ז. ז. 12־13)

דער „כסידיש־נעגידישער כּײַנג״, דער „כסידיש־נעגידישער גלאַנץ״, „די העל־זילבערנע כסידיש־נעגידישע װאָלקנדלעך״, „דער שאבעס מאל־קע־כּײַנג״ (אלץ אשס אויסדריקן אין „א שטעטל״) װעלן אינגאנצן דעמאַסקירט װערן. עס װעלן אנטבלויזט װערן די קרעמערישע שפּיס־לען, װאָס זײַנען פארבאהאלטן אונטער דעם כסידיש־נעגידישן גלאַנץ.

דאָס איז געװען די טעמע פון אשס שטעטל.

װײַסנבערגס טעמע אין װערק „שטעטל״ איז געװען די אופ־װאכנדיקע ארבעטער־באַװעגונג. אים, מײַער װײַסנבערגן, פארכאַפּט פריער פון אלץ דער פאקט, װאָס אין לעבן הערשט אזא גרויזאַמע עקספּלואטאציע, אונטערדריקונג. אָט דער שוידערלעכער פאקט פון „דויר הוילעך װעדויר באָ״. דער פאקט, װאָס דעם יונגן ארבעטער כאַימל שטייט פאָר צו פארקנעכטן זיך באַם באַלעבאָס זעליק און דורכ־אומקומען באַם װארשטאַט... אים, װײַסנבערגן, אינטערעסירט ביז גאָר שארף די פראגע, פארװאָס פאָדערט זעליק דער באַלעבאָס אײביקע רעכט אַף עקספּלואטאציע, א דאָר איז אװעק, א דאָר קומט און אלץ פון אונטערנעמערסטװעגן.

אים גייט אָן דער גורל פון דעם לוין־ארבעטער מענאכעם, װאָס פארלירט באַגלײַך מיט דער ארבעטספּײַקײַט די רעכט אַף לעבן, און װי ער איז געצװוּנגען צו פארלײַקענען זײַן באַשײַמפערלעכע קרענק װײַל ער װיל ניט פארלירן די רעכט אַף לעבן — „איך קען ארבעטן, איך קען!״ — האָט ער זיך פארענטפערט.

— „לאָז נאָר, — האָט רעב מאָטל אים אָפּגעמאָסטן מיט די בליקן פונויבן ביז אראָפּ, — װאָס ביסטו אזוי אויסגעפּאַשעט?...״

מענאכעם האָט דערפילט װי אן עקבער װאָלט אים אין האַרץ ארײַנגעקראָכן. א היץ האָט אים א שלאָג געטאָן אין געזיכט. טראָפּנס שװייס האָבן אָנגעהויבן ארויסצוקומען אַפן שטערן.

— „גיי־זשע מענאכעם, אהיים, — האָט אים רעב מאָטל שוין גוט־מוטיק געזאָגט, — איך זע דו ביסט קראַנק״... (צום אײדעם אַף קעסט).

און אין זײַן גרעסערן װערק — אין „שטעטל״, װעט מײַער װײַסנ־בערג פאנאנדערװיקלען דעם געראַנגל פון קלאסן אין שטעטל. ער װעט פרוּװן נאָכגײן פוסטריט נאָך די נאָטעס און די מענאכעמס אין

זייער שפּעטערדיקער פאַרוואַנדלונג. צי וועט אים איינגאַנצן געלינגען וועלן מיר שפּעטער זען.

---

אָנהייבן וועט זיך דער קלאַסן־געראַנגל אין שוך־אין פאַרבינדונג מיט דער געשיכטע פון ארופלייגן א כיירעם. „מידראַס האַראַוו און מידראַס האקאָהאָל״ — פון ראָווס און קאָהאָלס נאָמען — אַפּ אַרײַנגעפירטן פּייסעכדיקן מעל. שוין דאָ וועט ווײַסנבערג אַנטפּלעקן דעם הייליקן בונד פון ראָוו און סויכער קעגן די אָרעמע האַרעפּאַשנע מאַסן. און ווײַטער וועט זיך דער קלאַסן־געראַנגל אַוועקלאָזן אין די וואַרשטאַטן און וועט זיך פאָרשטעלנדיק באַפרייען פון די רעלי־גיעז־שטייגערישע פאָרמעס.

פון וואַרשטאַט צו וואַרשטאַט, פון אונטערנעמונג צו אונטערנעמונג וועט זיך דורכקײַקלען א רײ שטרײַקן.

„און פּלוצלינג, פון דער העלער הויט, מע הייבט נאָך ניט אָן צו וויסן, ווערט א שטרייק בא אייזיק פּייגע־ליבעס... נאָר איין געזעל געשפּאַרט; איז אונטערגעשפּרונגען א האַנט־יינגל אונטערן פענצטער מיט א גרינער פלאַש נאַפט אין דער האַנט און האָט זי אים אָן קאָפּ צעבראָכן; און א פּוסטקע איז געהאָרן אין אײַזיקס שטוב. און די יונגע האָבן זיך אָנגעהויבן אין מאַרק ארומצודרייען מיט די הענט אין די הויזן־טאַשן, טאַטעס האָבן אָנגעהויבן נאָכצויאָגן, מע זאָל גיין צו דער ארבעט, און מאַמעס האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכצודרייען, ווי די שאָטנס, הינטער די פּלייצעס און האָבן מיט פינצטערע פּנימער געבעטן, געכאַפּעשט, מע זאָל גיין כאָטש דאַווענען... עס גייט א יונג פאָרויס, א מאַמע — נאָך, און בעט זיך ראַכמים: וואָס הײַלסטו פון מײַנע רעשט ביסל יאָרן האָבן? זאָלסט נישט נאָכגיין יעקל סטאָליערס קאָפּ... און טאַטעס און מאַמעס האָבן גאָרנישט געהאָלפן, און דער סטאַרשע סטראַזשניק, מיט וועלכן אײַזיק האָט געשטראַשעט — אויך ניט, און מע האָט די יונגע געמוזט נאָכגעבן. פאַרקירצן דעם „אַרבעטסטאָג״... און נאָך גיכער די יונגע זײַנען אוועק צו דער ארבעט, זײַנען שוין אנדערע ארויסגעקומען אַפּ זייער אָרט אויך מיט די הענט אין די הויזן־טאַשן, אויך געמאַכט רעדלעך און געהאַלטן זיך נאָר אין איין סוידען... האָט זיך דאָס געשטעלט א זומער, אז מע האָט דעם מאַרק

ניט ליידיק געלאָזט אפ איינ מינוט – נאָר שטרייקנ און שטרייקנ. עס האָט קיינ איינ פאבריקל ניט דורכגעלאָזט".

וועגנ דעם קליינבירגערלעכנ קליינשטעטלדיקנ כאראקטער פונ שטרײַק וועלנ מיר זיכ נאָכ אומקערנ, און צו דעם צוועק האָבנ מיר טאקע אויסגעשריבנ אזא גרויס שטיק, דערווײַל וועלנ מיר באמערקנ דעם נײַעם טיפ געזעל בא ווײַסנבערגנ, שוינ ניט נאָטע, וואָס האָט מוירע הויכ און אָפנ צו פראָטעסטירנ קעגנ דער שווידערלעכער עקספלואטאציע, נאָר געזעלנ, וואָס שטרײַקנ און ווילנ שטרײַקנ אזוי ווי אינ ווארשע, און אפילע טראכטנ וועגנ א גענעראלנ שטרײַק מיט דעמאָנסטראציעס „מיט אלצ, אלצ"... (פאקטיש וועט עס ווײַט אזוי ניט זיינ אינ ווײַסנבערגס „שטעטל", ניט מיט אלצ, אלצ...).

אינ ווײַסנבערגס „שטעטל" קענ מענ מאמעש אָנטאפנ פיזיש און ווײַסנבערג האָט שוינ אזא קינסטלערישע אייגנשאפט, וואָס בא אים קענענ מיר טיילמאָל פיזיש אָנטאפנ די געשילדערטע קעגנשטאנדנ, טיפנ – די אופוואכונג פונעם קלאסנ־באוווסטזײַנ באם שטעטלדיקנ האנטווערקישנ פראָלעטאריער: עס איז צו זענ און פילנ, וויאזוי די נאָטעס און מענאכעמס אָדער זייערע כאימלעכ הייבנ זיכ אָנ פארוואנדלענ אינ א קלאס פאר זיכ (אינ באציונג צו די זעליקס און מאָטלס זײַנענ זיי שוינ לאנג א קלאס; אינ „אָרעמקײַט פונ פילאָסאָפיע" באמערקט מארקס, אז די ארבעטער בילדנ זיכ אויס אינ א קלאס פאר זיכ ערשט שפעטער, דאנ, ווענ זיי האָבנ שוינ א קלאסנ־באוווסטזײַנ און פארשטייענ די קלאסנ־פארהעלטענישנ) מיט דער ערשטער פאָדערונג א „קורצנ ארבעטטאָג. — ד. ה. פונ 7 ביז 7, און אינדערמיט צוויי שאָ רו."

עס איז אומבאדינגט קעדײַ צו פארצייכענענ, וויאזוי ווײַסנבערג מאָלט דעם פסיכאָלאָגישנ צושטאנד פונ יענעם געזעל, וואָס האָט ערשט נעכטנ צום ערשטנ מאָל אינ זײַנ לעבנ געהערט א רעדע פונ אנ אגיטאטער, און זיצנדיק באם ווארשטאט טראכט ער און פילט נאָכאמאָל דורכ די אלע נײַ־געהערטע געדאנקענ און אידייענ...

„און טיילמאָל שטעלט זיכ א האנט אָפ, דאָס העמערל לאָזט זיכ אָנמעכטיק נאָכ און בלײַבט ליגנ אפ דער זויל, פלאכ, איבערגעדרייט, ווי אנ אָפגעשטאנענע פישל מיטנ בײַכל ארופ. און ער, דער

יונג האלט באם עק שטילעכל און קוקט מיט זײַנע אויגן, ווי א קינד, וואָס האָט זיך פארטראכט אינמיטן גאס מיט א בייגל אין דער האנט"...

..."עס טרעפט טיילמאָל פארקערט, ווען די אויגן בליצן אופ, ואָס פאָנעם קנייטשט זיך העפטיק, ווי פאליעס וואָלטן איבערן קאָפּ געיאָגט — דעמלט יאָגט מען די פלעקלעך מיט אן אימפעט אין דער געלעכערטער זויף אריַין, צוטאנצנדיק מיטן העמערל. איינס־איינס! איינס־איינס! און מיט אזא געשווינדקייַט, ווי מע דעריאָגט עפּעס, ווי מע דערכאפט עפעס, ווי מע וויל זיך מיט עפעס צוזאמענשטויסן, עס זאָל קנאקן, הילכן! און אין אזא צייַט מוז שוין וועלכער עס איז ארויסשפרינגען מיט א לידל:

"וואָס טויג אייַך דען ברידער, אזא לעבן
א לעבן אין הונגער און נויט?

און דער גאנצער אוילעם, ווי איין כאָר, טוט באלד אן ענטפער־ אָפּ מיט געזאנג און געקלאפעריַי מיט די העמערלעך, מע שמעטערט די שטיפטלעך אין דער געלעכערטער זויל אריַין, ווי די קוילן אין ערגעסטן סוינע, און דאָס געזאנג צעטראָגט זיך דורך די אָפענע פענצ־ טער אפ דער גאס ארויס, מעכטיק און מיט ראש"...

צוויי פסיכאָלאָגישע צושטאנדן. דער ערשטער צושטאנד רעדט וועגן אריַינטראכטן זיך אין אלע נייַ געהערטע אידייען, און דער צווייטער — וועגן שוין דערטראכטן עפעס. און אין בלוט און פלייש וועט דאָס דאָזיקע "עפעס" אריַינגיין און דערמיט וועט דער אופגע־ שרעק אריַינווארפן און אפילע פרוּוון דעם "סענדושע" מיט די "פשאָ־ ריקעס" — דעם ריכטער מיט זיינע באהעלפערס פון געריכט ארויס־ טרייַבן...

ווייַסנבערג כאפט אופ די פארשארפטע צווישן־באציונגען פון די ארבעטער און באלעבאטים. מער פון אלץ געלינגט אים צו שיל־ דערן טיפּן באלעבאטים, סיטואציעס פון מוירעדיקער עקספּלואטאציע און אונטערנעמערישע גענארעריַי. קעדיי צו דערמאָנען זעליקס "סיס־ טעם" פון אויסצאָלן געהאלט די ארבעטער ("דויר הוילעך וועדויר באָ").
וויאַזוי דער אונטערנעמער מאָטל (אין "צום איידעם אף קעסט")

„זאָרגט”, אז מענאכעם זאָל ניט ארבעטן קראנקערהייט · גיי־זשע,
מענאכעם, אהיים, איך זע דו ביסט קראנק”.
די אונטערנעמער זיינען שוין לאנג א קלאס פאר זיך, מיט א
כיטרער, יאָרנלאנג אויסגעארבעטער טאקטיק און מעטאָדן פון פאר־
שקלאפן און אָפנארן די ארבעטער. אָט שאפט דער אונטערנעמער א
געוועט צווישן די ארבעטער, שאפט אן אייגנארטיקע שטעכלדיקע
שוויץ־סיסטעם און מיט שטענדיקער שרעק פאר פארקירצונג רופט
ער ארויס א געפיל פון גרויסער פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דער
ארבעט.

אפ יעקלס „מאַקסימאַליסטישער” פאָדערונג, א קורצן ארבעט־
טאָג, ד. ה. פון 7 ביז 7, און אינדערמיט צוויי שאָ רו — ענטפערט
דער אונטערנעמער „רעב” אייזער: „איך בין אזא נויגעש, כאַליע,
אפן ארבעטער, וואָס מע גייט מיר אויסזעצן די מינוט... גוואלד
געשריען, זיי זיינען דאָך ניט קיין דאָקטוירים, זיי זאָלן מיר קוקן
אפן זייגער... וואָרעם, וויאזוי באגיי איך מיך מיט אן ארבעטער?...
איך בין דאָך ניט קיין אנדערע? — מיין שיער מוז איך מיר אָפ־
לערנען אלע אינדערפרי, דערנאָך גיי איך דאווענען, האָב איך שוין
אוואדע נישט זיי אין זין... ווער קוקט זיך אום, צי ארבעטן זיי,
צי באלעמוטשען זיי? וועמעס דייגע? איך מיין טאקע אינדערמכן,
ווער קוקט זיי נאָך? נו, איך בעט דיך זייער, קען כען מיר אויס־
זעצן די שאָ?
אָדער:
„— מיילע, שטרייקן איז שכרייקן, — אָבער וואָס האָבן זיי מיר
נאָך די גויים ארויסגענומען פון פאבריק?
— וואָס דען הייסט געשטרייקט — ענטפערט אָפ יעקל.
רעב אויזער לייקנט אָפ שטרייק, קאמף, אין „הצפירה” איז דאָס
וואָרט קאמף „פארשכראָכן אין רינגעלעך”.
דער דיאלאָג צווישן רעב אויזערן און יעקלען איז קינסטלעריש
א זעלטענער. עס ווערט אין אים כון קאָפ ביז די פיס אָפגע־
מאָלט דער אונטערנעמער.
באזונדערס האָפערדיק ווערן די אונטערנעמער און זייער אגינ־
טראָפ דאָווידל ראָזנצווייג נאָך די ארעסטן. „עס איז שוין ניט פריער.
אויס יידישע קאָזאקן.” און קלייבן זיך שוין אפילע מאכן „א כעוו־

רע קענעגער", ד. ה. אַנ אונטערנעמערישע אָרגאַניזאַציע אונ באַזאָרגנ זיכ שוינ מיט כאַימ־יאָסעלעכ — אויסוואורפנ, פאַרעטער פונ די אַרבעטער. ווײַסנבערג צייכנט אָנ אַ בילד, וויאַזוי די היימישע נאַציאָנאַלע צעיושעטע קאָנטררעוואָליוציע — אינ געשטאַלט פונ די סאָכרימ־יונגענ, קאַצאָווימ אונ אַנדערע לומפּנ — בושעוועט אינ שטעטל, שלעפּט אַרויס אַרבעטער פונ די וואַרשטאַטנ אונ צעמיימעסט זיי, איז עס אַנ אָנזאָג אפנ קומענדיקנ פאַשיזמ... עס איז דאָכ אַ בעפּיירעשע שטראָף־עקספּעדיציע פונ די אונטערנעמער קעגנ די שטעטלדיקע אַרבעטער.

„פונ די וואַרשטאַטנ האָט מענ אַרבעטער אַרויסגענומענ, פונ די בוידעמער אַראָפּגעשלעפּט אונ געפירט זיי אונטערנ געהילכ פונ די שטעקנס. דער גאַנצער מאַרק האָט ווי אינ אַ קעסל געקאָכט. מע לויפט אַרומ צעהיצט מיט אָנגעצונדענע געזיכטער, מיט אַ בלוטדורשטיקייט אינ די ברענענדיקע אויגנ. פּענעמער פלאַקערנ, אונ בלוט האָט אינ דער לופט געשפּריצט, איבער קעפּ אינ בלוט אײַנגעטונקענ, די שטיינער האָבנ זיכ אינ בלוט געוואַשנ. דער הימל גרוילט, די זונ איז רויט. אַ שעכטהויז אַרומ אונ אַרומ, אונ דער גאַנצער מאַרק איז פאַרהאַמערט אונ פאַרהאַקט"...

"אונ אָט האָט מענ אַ פיר אַרויס געטאָנ איינעמ, טעוועלענ, אַ יינגל פונ אַ יאָר 18, וואָס האָט דאָ געאַרבעט בייגערײַ; פונ טיש אַוועק האָט מענ אימ אַרויסגענומענ, נאָכ מיט פאַרשאַרצטע אַרבל. אַ פאַרסאַמטנ בליק האָט יענער אינ דער אָפענער הויז־טיר געוואָרפנ... איטשעלע האָט דאָס דערזענ, אונ באַלד האָט זיכ אָנגעהויבנ דאָס געקנאַקערײַ איבערנ קאָפּ — האָט ער, איטשעלע, מיט אַ ווילדנ קרעכצ זיכ אָנגעכאַפּט אָנ דער טיר, ווי איינער, וואָס האָט די וואָג פאַרלאָרנ פונ אַ שרעקלעכנ שטויס, אונ געמריטשעט האָט ער ווי אַנ אָקס. שרעקלעכ האָט זיכ זײַנ געזיכט פאַרקרימט, אונ די אויגנ, ווי צוויי שפּיזנ, האָבנ אינ געשלעג אַרײַנגעקוקט".

אונ די „האַצפירע" — דער אָרגאַנ פונ די יוסטע באַלעבאַטימ אונ סאָכרימ, אָט די זעלבע, וואָס האָבנ אָרגאַניזירט דעמ פּאָגראָמ איבער די שטעטלדיקע אַרבעטער — סאָקאָלאָווס „האַצפירע" נעמט דאָס וואָרט „קאַמפ" אינ רינגעלעכ. באַוווּסטע בורזשואַזע צוויעס.

ניט קיינ שפּיל פונ נאַציאָנאַלע קויכעס גייט אָנ אינ שטעטל, בא ווײַסנבערגנ, נאָר אַ געראַנגל פונ קלאַסנ. דאָס שטעטל פאַרמאָגט

אפילע אנ אייגענע שווארצמייע אונ ליפערט שווארצמייִשע קויכיעס פונ אנדערע שטעט. די אייגענע נאציאָנאלע שווארצמייע ווענדט אָנ קעגנ די ארבעטער די זעלבע מעטאָדנ, וואָס שפּעטער וועלנ עס אָנווענדנ אינ ברייטנ מאסשטאב די פאשיסטנ אונ סאָציאַל־פאשיסטנ פונ אלע לענדער אונ נאציעס.

לייענסט, לעמאָשל, די יעדיעס וועגנ דעמ בלוטיקנ זונטיק אינ דייטשלאנד. דעמ בלוטיקנ זונטיק, וואָס די נאציאָנאל־פאשיסטנ, מיט דער הילפ אונ שטיצע פונ די סאָציאַל־דעמאָקראטישע פאשיסטנ (פּאָליצײַ־פּרעזידענטנ), האָבנ אָרגאניזירט דעמ 17־טנ יולי—1932 יאָר אינ האמבורג, אונ טראכסט, ווי ענלעכ עס איז אפ דעמ אלעמ, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ 1905־6 יאָר אינ א פּויליש־ייִדיש שטעטל...

---

מיט א באשטימטער פארשארפטער קריטיק באציט זיכ מייער ווייַסנבערג צומ קלײנבירגער. עס איז אונדז שוינ אויסגעקומענ צו דערמאָנענ, דערעכ אגעוו, וויאזוי דאָס קלײנבירגערלעכע שטעטל פאלט ארייַנ אינ א טויט־שרעק באמ דע־מאָנענ דאָס וואָרט „אָרגאניזאציע“, „כעוורע ניקעס“, אונ דאָס איז בעשומויפנ ניט איבער דער מעכטיקייַט פונ דער ארבעטער־באוועגונג אינ שטעטל, — זי איז אינ ווייַסנבערגס שטעטל זייער אונ זייער שוואכ, עס גייט נאָכ איר זייער אונ זייער פיל אָפּ, — נאָר דערפאר, ווייַל מיר האָבנ דאָ צו טאָנ מיט קלײנבירגער, שטעטלדיקע קלײנבירגער.

— „אז א מאמע האָט געדארפט א קינד אייַנצושלעפערנ, האָט זי געסטראשעט: „שלאָפ, וואָרעמ איכ גיי רופנ די שטרייַקער“... אז צוויי זיצערקעס אינ מארק האָבנ זיכ געקריגט, האָט איינע דער צווייטער א מוירע געמאכט: „נו, נו, איכ וועל נאָר א זאָג טאָנ מייַנ כאַימלען, וועט מענ דיר שוינ דאָס מולטערל איבערדרייענ“... „אונ אייינער א פינטשעלע, וואָס האָט זיכ גערעכנט צו די אכדעס־לייַט, האָט קיינ ארבעט ניט געהאט אָדער ניט געוואָלט ארבעטנ אונ האָט זיכ דערווייַל געכאפּט צומ האנדל, אופצוקויפנ, וואָס א דאָרפס־ייִד ברענגט אינ שטאָט ארייַנ — א פור אויבס, דאָמב אָדער האָניק־קוועטשעכצ, — האָט פינטשעלע, ווייבאלד מע האָט אימ ניט געוואָלט פארקויפנ, געדארפט צוזייגנ א פינגער צו דער נאָז, געבנדיק אָנצוהערנ, אז, אז... איז שוינ געננוג געווענ. אונ טאָמער האָט זיכ דער ייִד אויסגע־

לאכט, האָבן זיך מענטשן באַ די קעפּ אָנגעכאַפּט: ייִד, וואָס טוט איר?... איר שעכט זיך אָפּ, איר וועט זיך ניט טאָרן אין שטאָט אַרײַן ווײַזן".

און קלײנבירגער האָבן זיך טאַקע אָפּגעשאָכטן, דער קרעמער לאָזער האָט פון וואָרט אָרגאַניזאַציע באַקומען די „אַפּאָפּלעקסיע"...

צו יעקלען, ווי צו א „פּרעדסעדאַטעל" פון א „טאָוועט", קומען קלײנבירגער מיט טײַנעס.

— „יעקלשי... — בײגט זיך אים דער ייִד איבערן אויער, — איך האָב מיר געוואָלט א פענצטער אויסשנײַדן אין הינטערגעסל אַרײַן. האַקלאַל, מיטן סטאַרשע סטראַזשניק בין איך שוין אַדורכגעקומען... האָב איך אָבער מוירע פאַרן שאָכן ער זאָל ניט קריכן אין קײן הע־כער אָרט אַרײַן... בעט איך דיר יעקלשי"...

— „איך בין פון סטאָצק... — הײבט זי אָן שעמעוודיק, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, — האָב איך א מאַן א כאָסיד... ניט צו גאָט און ניט צו לײַט... איך בין א נײַטערן און מוז נאָך אים געבן צו עסן. קען ניט זײַן צווישן אונדז קײן לעבן... יאָג איך מיך מיט אים אַרום שוין אָנדערהאַלבן יאָר וועגן א געט — איז אָבער באַ אונדז אין שטעטל ניטאָ קײן כײַך, וואָס זאָל האָבן א נאָמען... און מיכן פאָרן אין אַן אַנדער שטאָט אַרײַן שלעפּט ער אָפּ, שלעפּט אָפּ... און איך האָב מיך ניט צו וועמען צו ווענדן... ניט קײן פרײַנט און ניט קײן קרויווים"...

דאָ הערט שוין יעקל אויס מיט מער אויפמערקזאַמקײַט. עס געפעלט אים זײער, וואָס זי איז א נײַטערן — זי „פּראָדוצירט"... איז א נוצלעכ גליד אין דעם „געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם"...

איז דאָך דאָס פריִער פאַר אַלץ א כאַראַקטעריסטיק דעם קלײנבירגער און ניט יעקלען, דעם „פּרעדסעדאַטעל" פון די כעווראָניקעס.

אין דער לופטן טראָגן זיך קלאַנגען וועגן כאָגראָמען. דאָס קלײנבירגערלעכע שטעטל, ווי דער שנײַגער איז, פאַלט ווידער אַרײַן אין מוים־שרעק. כאַנעלע בערכשעס, די כוקערן, איז געקומען צו פאָרן זונ א דאָרף באַ דער כאַנציע און האָט א „פּינקטלעכע" ידיעה געבראַכט אין שטעטל: „א ייִדענע האָט טאַקע געזען אינדערפרי א נאַר קאַצאַפּן אין רויטע העמדלעך, און אין לײַביקעס מיט פאַלבן ביז צו די קני, האָבן זיך אַרומגעדרײט אַף דער כאַנציע... דאָס זײַנען געווען די „כוליגאַנעס" טאַקע. און מײַעזײע, צי זײַנען שוין ניטאָ גאַנצע הונדערט אַזוינע"...

די שאָכנטעס האָבן אויסגעהערט מיט זיפצן: „גאָט דערבארעמדיקער", און ווישנדיק די הענט איינע אָן די אנדערע, האָבן זיי זיך איינציקווייז פון שטוב ארויסגעשארט. זיי זיינען שוין ניט גלייך אהיים אוועק, נאָר אָפּגעטראָטן צו אנדערע שאָכנטעס. די צווייטע צו די דריטע, און אזוי איינע צו דער אנדערער, ביז מע האָט עס שוין אין בלענדיוועדער שטיבל דערציילט. און דערציילט האָט מען עס, אז האָר און נעגל האָבן זיך קאפויר געשטעלט: הונדערט „כוליגאנעס" מיט שפיזן און מעסער זיינען שוין אויף דער סטאנציע — א ליארע מינוט קומען זיי אָן...

מע האָט אָנגעהויבן די לאָדן צו פארמאכן, אין גאס איז כווישעל שטיל... מע האָט נאָר פישטשען אונטער די פארמאכטע לאָדן געהערט... און צייטנווייז האָט מען געקאָנט טרעפן לויפן א צעטומלטן יידן, וואָס האָט זיך מיט שרעק אומגעקוקט בא יעדן געסל, בא יעדן ווינקל און איז ווייטער געפלויגן מיט פאָלעס צעלאָזטע אין דער לופט, ווי די פליגל פון א „וויעטראק"...

וווהין לויפט אזא שטייגער־ייד קען מען ניט וויסן, כיבע אין באָד אפן בוידעם ארופ אונטער די בעזעמלעך ארונטער.

מייער ווייסנבערג ווארפט דעם צעטומלטן יידן מיט די צעלאָזטע פאָלעס דעם בייסיקן אויסגעשריי — כיבע אין באָד אפן בוידעם אונטער די בעזעמלעך ארונטער.

און דאָס קליינבירגערלעך־רעליגיעז שטעטל נעמט זיך צו זיין לאנג אויסגעפרווטן „געוועור", צו זיין טראדיציאָנעלער „בראָנ", — מע קנאקט מיזמער לעדאָוויד...

און באם מיזמער לעדאָוויד, אלס „געוועור", „בראָנ" אין קאמפ מיט פאָגראָמשטשיקעס — דירעקטע אגענטור פון דער קאָנטררעוואָליוציע, — ווערט דאָס שול־געסלדיקע קרעמערשע קליינבירגערטום בלייבן אויך שפעטער...

די קריטיק איז גאנץ אָפּט בא ווייסנבערגן א בייסיקע.

אין דער דערציילונג „פון רעבנס שטוב", וווּ עס ווערט דורכגעפירט, אין קעגנזאץ צו שאָלעם אשן, די אידיי, אז דעם פישערס יונג קען זיך אין קיין פאל ניט איינלעבן אין דעם שול־געסל — ער קען דאָרט בלויז אומקומען, ווערט די אלטע פישערקע געשילדערט מיט איר מורעדיקער געלט־גייציקייט. אלע נאכט, ווען דאָס שטע־

טעלע איז שוין טיף פארזונקענע אין שלאָף, „און איר לעדנדל דאָס קליינטשקע" איז שוין אויך פארמאכט, און אין דרויסנ הערט זיך שוין קיינ שאָרכ ניט פון קיינ לעבעדיקער באשעפעניש, און דאָס שטיבל מיט די פיר ווענטלעכ, דאכט זיכ, איז אינ שטילקייט פאר־זונקענ,—ערשט דעמלט האָט זי זיי אלע אינ דער ערד, און עס הייבט זיך אָנ איר וועלט. און איינ גאָט ווייסט, אז שטענדיק, ווענ עס קומט די האלבע נאכט, זיצט זי בא א האלב־גראָשנדיק ליכטעלע און ציילט שטיל און קלינגט שטיל, און איר אויער פארנעמט דעמלט אזוינע זיסע קלאנגענ פון דעם געלטעניו... פון דעם געלטעניו... אז קיינ בעסערע שירע דארפ מענ שוינ פון די מלאָכים אינ הימל ניט הערנ, ווי זי הערט דאָ אפ דער ערד. און ניט איינמאָל טראכט זי, שוינ ליגנדיק אפנ געלעגער, נאָכדעם ווי זי האָט שוינ דאָס ליכטעלע פארלאָשנ, און ניט געלאָזט עס ברענענ קיינ איבעריקע רעגע, אז ווענ מע זאָל איר פרעגנ אפ יענער וועלט, וואָס פאר א גאנײדנ ווילסטו? וואָלט זי געזאָגט: זיצנ און ציילנ געלט. מער ניט ווי צוויי ווערטער. דערביי פאָלט איר איינ: אויב עס איז עמעס, ווי מע זאָגט, אז אינ גאנײדנ איז (זיינענ?—ש. ק.), פאראנ געפלא־סטערטע ווענט, טאָ ווו וועט זי אירע שמאטקעלעכ קענענ פאר־שטעקנ?"

און די אלטע פישערקע ברעכט איר אלטנ, גרויענ, הענדלערישנ קאָפּ אפ אנטשײדנ „די גרויסע" „פראָבלעם" פון די געפלאסטערטע ווענט...

קעדיי פארגלייכנ ווייסנבערגס דעמאסקירונג און קריטיק פון געלט־גייציקייט באם קליינבירגער מיט ש. אשס היספּיילעס פון יענעם סויכער, וואָס שרייט אויס אינ א שטעכל: „זע, וואָס געלט באטייט". און מיט וויפל ליבע ש. אש באשרייבט דעם אלטנ שטייגער פון יעכעזקלס געלט־רעכענונגענ... אייגנטלעכ איז נימאָ וואָס וווּנדערנ זיכ—א סאָכריש־בורזשואזער שרײבער...

אינ יעדנ פראט האָבנ מיר צוויי באזונדערע צוגאנגענ, צוויי ארטנ באציִונגענ צו אלע לעבנס אָנגעלעגנהייטנ. און ניט צופעליק שיידנ זיכ אזוי שארפ אונטער שאָלעמ אש און ווייסנבערג אינ זייערע קינסטלערישע מעטאָדנ.

ביים ווייסנבערג איז א רעאליסט, איז שאָלעמ אש, אינ נאָכ

גענומען, א ראָמאַנטיקער („א שטעטל“, „שלומע נאַגיד“ זיינען פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורע געשריבן פון א שרײַבער א ראָמאַנטיקער).

און עס איז פאַרשטענדלעך, אידעאַליזירן דעם גרויסן וואַלד־און־טוועהענדלער האָט מען שוין איצט אוואַדע ניט געקענט אפן באָדן פון רעאַלע באַציִונגען פון קלאַסן און שיכטן. מע האָט עס ניט געקענט דערגרייכן מיט דער הילף פון רעאַליסטישן מעטאָד. די ווירקלעכע באַציִונגען האָט מען געמוזט קעגנשטעלן אויסגעטרוימטע באַציִונגען, אַזעלכע באַציִונגען, וואָס האָבן זיך געמאָלט אין דער פאַנטאַזיע פונעם עקספּלואַטאַטער.

ניט די רעאַלע ווירקלעכקייט, ניט די ווירקלעכע באַציִונגען פונעם גרויסן וואַלד־און טוועהענדלער מיט דער האָרעפּאַשנער מאַסע פון שטעטל און פון די אַרומיקע דערפער האָבן אַזויאַרום געקאָנט דינען פאַר א קוואַל און אויסגאַנג־פּונקט פון ש. אַש׳ס קונסט־מעטאָד. און אין געגעבענעם פאַל האָט ער אומבאַדינגט געמוזט שטויסן שאָלעם אַשן צום אידעאַליסטישן קונסט־מעטאָד, צום ראָמאַנטיזם.

ווײַסנבערגס סאָציאַלע לאַגע איז געווען א קעגנזעצלעכע. ער איז געווען דורכויס פאַראינטערעסירט צו אַנטבלויזן די ווירקלעכע באַציִונגען פון אונטערנעמער און געזעל. די ליניע פון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג. דעם קוואַל און אויסגאַנג־פּונקט פון ווײַסנבערגס קונסט־מעטאָד האָט אַזויאַרום געקענט דינען די רעאַלע ווירקלעכקייט, די ווירקלעכע באַציִונגען אין דער געזעלשאַפט (אין א וועלכער מאָס ער האָט געקענט אַנטבלויזן די קלאַסן־באַציִונגען, דאָס איז שוין געווען געווענדט אין דער רײַפקייט פון זײַן קלאַסן־אידעאָלאָגיע).

אין באַציִונג צו שאָלעם אַשן האָבן מיר ספּעציעל אונטערשטרײַכט „איצט“, „אין געגעבענעם פאַל“, דערפאַר, ווײַל מיר ווילן ניט, אַז מע זאָל פון אונדזער באַמערקונג וועגן ש. אַש׳ס קונסט־מעטאָד מאַכן א פאַלשן אויספיר, אַז יעטווידע אידעאַליזאַציע פון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן אין אַלע צײַטן האָט געמוזט פירן אין דער ליטעראַטור צום ראָמאַנטישן סטיל. די וועלט־ליטעראַטור ווייס פון פיל בײַשפּילן, ווען עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן (פּריצים, בורזשואַזיע) זײַנען אידעאַליזירט געוואָרן אין דער רעאַליסטישער ליטעראַטור. צו שאָלעם אַשן איז אָבער אונדזער באַ-

מערקונג אינגאנצן צום פלאץ. אין די באדינגונגען פון די אָנוואקסנדיקע שארפע קלאסן־אופטרייסלונגען, ווען מיט די יעכעזקל גאָמביינערס האָט באזונדערס געהאלטן זייער שמאָל, האָט דער רעאליסטישער מעטאָד ניט געקענט דינען ש. אַשס צוועקן און צילן.

ווײַסנבערג האָט אויסגעצייכנט באנומען זיין קעגנזעצלעכקײַט צו ש. אשן. דאָס איז צו זען פון זײַנע שארפן, טעמפעראמענטפולן באמפלעט קעגן ש. אשן (אין 1־טן באנד פון ווײַסנבערגס געזאמלטע ווערק, פארלאג־ווײַסנבערג, ווארשע 1925 יאָר „נישט קיין פאָרעדע"), ווו עס ווערט אין דער גאנצער גרייס אָנגעצייכנט דער פאָרטרעט פון ש. אש דעם סויכער אין דער ליטעראטור, געזעלשאפטלעכן לעבן און זײַן באציִונג צו דער ארבעטער־באוועגונג א. א. וו. א. ד. גל.

---

צי קען מען פון דעם אלעם, וואָס מיר האָבן ביז איצט פארצייכנט וועגן ווײַסנבערגן, מאכן אן אויספיר, אז מיר האָבן צו טאָן מיט א פראָלעטארישן קינסטלער, אז ווײַסנבערג גיט א פראָלעטארישע לייזונג פון אלע פראגן, וואָס ער באריִרט אין זײַנע קינסטלערישע ווערק. און די צענטראלע פראגע אינעם געגעבענעם פאל־צי גיט מייער ווײַסנבערג אין זיין „שטעטל" אן אָביעקטיוו און פול בילד וועגן דער ארבעטער־באוועגונג אין שטעטל?

די ארבעטער־באוועגונג אין ווײַסנבערגס שטעטל מיט אלע שטרײַקן און דעמאָנסטראציעס, מיט אלע מאסאָווקעס און „עקספראָפּריאציעס" (באם שויכעט דעם לעבל ברויט און 10 קארבן) שטאמלט נאָך, אין טאָך געגומען. זי איז באַ אים דורכויס א סטיכיִישע „און פלוצלינג פון דער העלער הויט, מע הייבט נאָך ניט אָן צו וויסן, ווערט א שטרײַק בא אײַזיקגערלעכע שטעטל, זי קען ארײַנוואָרפן אין טויט־שרעק דאָס קליינבירגער, זי קען שרײַען אין שול: „ניטאָ קיין ציִרים, נאָר בראָן און טאקע בראָן! רעוואָלווערן, פיסטאָלעטן!" אָבער אין גרונט איז זי נאָך מאכטלאָז און מאכטלאָז דערפאר, וואָס זי האָט זיך נאָך ניט דערטראכט צום פראָלעטארישן רעוואָליוציאָנערן באוווסטזײַן, זי האָט גאָך ניט קיין פעסטע צילן און ענדצילן. די ארבעטער בא ווײַסנבערגן פירן א קלאסן־קאמף מיט זייערע אונ־

טערנעמער. דער קלאסן־קאמף טראָגט אָבער מער ווי אָפט א פאר־טיידיקונג־כאראקטער, און דאָס וויכטיקסטע: ניט קלאסנקאמף ביכלאל שאפט א פּראָלעטארישע רעוואָליוציאָנערע באוועגונג, נאָר אזא קלאסן־קאמף, וואָס פירט צו אופלייזן אפּ א רעוואָליוציאָנערן אויפן, אלע סאָציאלע קאָנפליקטן אין דער געזעלשאפט, ד. ה. צו סאָציאלער רעוואָליוציע און פּראָלעטארישער דיקטאטור.

די אָנפירער פון דער באוועגונג אין שטעטל קאָנען זיך ניט פאנאנדערקלייַבן אין פּראָגראמעס פון פּארטייען. דער טעמפּעראמענט־פולער איטשעלע קען אויסשרייַען: „וואָס איז די נאפקעמינע צווישן פארטייען", און דער „גלאַוונער" יעקל סטאָליער, פאסקנט: „עס שאדט ניט אמאָל טעראָר אויך".

כאָטש מע פירט קאָרעספּאָנדענציעס מיט ווארשע, כאָטש עס פאָרן טיילמאָל אראָפּ אין שטעטל פארשווינדלעך און עס קומען אפילע ווארשעווער צוהילף די ארבעטער אין זייער קאמף מיט דער היימי־שער נאציאָנאלער שווארצמייע, כאָטש אייניקע שטעטלדיקע ארבעטער (איטשעלע) טרוימען וועגן דעם, אז „עס וועט אראָפּקומען א ווארשעווער קריסט, וועט האלטן א מאָווע" און מע וועט גיין צוזאמען... האנט בא האנט"... פילט זיך דאָך ניט אין ווייַסנבערגס שטעטל דער אָטעם פון יענע פּראָלעטאריש־רעוואָליוציאָנערע קאמפן, וואָס זייַנען דאן אָנגעגאנגען אין לאנד. גענוג צו זאָגן, אז אינגאנצן ווערק „שטעטל" איז ניטאָ קיין איין בילד פון דער רעוואָליוציאָנערער באַ־וועגונג אין לאנד.

עס שווינדלען דורך די ווארשעווער יונגען מיט די ניט היגע פארשווינדלעך, און אפּ דעם ענדיקט זיך אלץ. עס איז זיך א שטעטל, וואָס מאכט שטרייַקן, פּראָצעסיעס, און אפילע „עקספּראָפּריאציעס" (קליינשטעטלדיקע! שאָלעמאַלייכעמדיקע!) לויט „יעכוילעס", ד. ה. לויט די אייגענע מעגלעכקייטן. ווארשע, לאָדז, פּעטראָגראד, מאָסקווע פארגרעסערן ניט די דאָזיקע מעגלעכקייטן. די ארבעטער־באוועגונג אין שטעטל ווערט ניט געגעבן ווי א טייל פון דער רע־וואָליוציאָנערער לאנד־באוועגונג.

בעוורעניקעס מאכן א מאסאָווקע, און באם באגעגענען צוריק־וועגס דעם פאבריקאנט אייַזיק פייגע־ליבעס, „האָבן זיי די קעפּ אראָפּ־געלאָזט". „און אייַזיק מיטן איידעם האָבן זיך איבערגעקוקט מיט א

פאַרברענטן שמייכל אין די בליִשטשענדיקע אויגן". ניט פאַר רעוואָליוציאָנערן קליידט אזא גאנג. ווייַסנבערגס פּאָרטרעט פון א רעוואָליוציאָנער איז: „קאָפּעליושלעך מיט מאָדנע בלאַסע פּענעמער און שטילע אויגן" און דער פּאָרטרעט פון א שטרייַקער: א יונג, וואָס דרייט זיך ארום אין מארק מיט די הענט אין די הויזן־טאשן און סוידעט זיך. און דאָס איז דער זעלבער ווייַסנבערג, וואָס קאָן מאמעש סקולפּטאָריש אויסהאקן א געשטאַלט פון אן אונטערנעמער...

דער גאנצער סאָציאַליזם באשטייט בא די שטעטלדיקע ארבעטער לויט ווייַסנבערגן אין „אכדעס". און „אכדעס—דאָס איז א מין באשטיין, וואָס אלע באשטייען"—זאָגט איטשעלע. און יעקל זעלבסט ווייס נאָך אויך ניט וואָס באטייַטן די פּאָר ווערטער, וואָס ער אליין האָט מיט אזויפיל מאטערנישן צונויפגעשטעלט: „נידער מיטן קאַפּיטאַליזם, עס לעבע דער סאָציאַליזם".

און כעוורע ווונדערן זיך אפילע, וואָס אין גרויסע שטעט „מישן זיך מיידלעך אויך אריַין" אין דער באוועגונג.

און עס איז גענוג געווען, אז דער שטעטלדיקער סטארשער זאָל אופהערן טרייַבן קאטאָוועסלעך מיטן „יעזוירייסקי קאָראָל" און „סודיא", ד. ה. מיט יעקלען און גאָר אפּ קיין קאטאָוועס ניט ארעסטירן, אז די „ארבעטער אין די ווארשטאטן זאָלן שוין זיצן שטיל, ווי די לעמעלעך". און דאָס ווערק „שטעטל" ענדיקט זיך מיט א בילד פון א צווייטן ארעסט.

„זיי (ד. ה. די זעלנער—ש. ק.), האָבן זיך א כאפּ געטאָן פאַר די שיידלען—און דאָס געקלאַנג און געבלאַנקערייַ פון זיי גאָלע שווערדן האָט אופגעבליצט... איבער דער שטאָט איז מען געריטן לאנגזאם... די געבונדענע זייַנען געזעסן אפ די וועגן מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ און בלאַסע געזיכטער און די זעלנער ארום זייַנען נאָכגעריטן, טריט בא טריט קוים צושאָקלענדיק זיך איבער די זאָטלען־אוף־און־אָפּ. די גאס איז פארהאמערט. ווו עס איז שוין א לאָדן אָפּן געווען, האָט מען אים געשווינד פאַרמאכט, ווו א געוועלבל—פארהאקט. שטיל איז געווען ווי אין אן אויער, די גאס האָט דעם אָטעם אייַנגעהאלטן... און עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס געקלאַפּערייַ פון די פערדס טריט און דאָס געקלאַנג פון די שפּאָרן. עס ווארפט אן איימע, די גאס, דאכט זיך,

וועט אונטער די פארמאכטע לאָדנס אויסשטארבן, און דאָ ציט עס זיך אזוי לאנגזאם, ווי בא א לעווייע...

דער גרויער מאָרגן־נעפל האָט זיי פארהילט און אין זיך איינגעזאפט... און פונדערווייטנס האָט זיך דאָס אויסגעוויזן, ווי א שווארצער וואָגלענדיקער פלעק, וואָס לאָזט זיך ערגעץ וואנדערן אין דער ווייטער וועלט אריין".

מיר האָבן בעקיצור אויסגעשריבן אזא גרעסער שטיק, ווייל דאָ איז אזוי שטארק אונטערגעשטראָכן די פערספעקטיוולאָזיקייט פון דער באוועגונג. עס איז געבליבן א שווארצער וואָגלענדיקער פלעק, וואָס האָט זיך געלאָזט וואנדערן ערגעץ אין דער ווייטער וועלט אריין.

צי איז עפשער די ארבעטער־באוועגונג געווען אף אזא פרייקן עטאפ פון איר אנטוויקלונג און דעריבער האָט ווייסנבערג אונדז געשילדערט אזא רעוואָליוציאָנער ניט רייפע באוועגונג? ניין, בעשום־אופן ניט דאָס. עס איז דאָך 1905 יאָר, ארבעטער בויען אף די מאָסקווער גאסן און אף די גאסן פון אַנדערע אינדוסטריעלע צענטרען באריקאדן. אומעטום, אין אלע ווינקעלעך פון דער רוסישער אימפעריע גייט א טיפע רעוואָליוציאָנערע יוירונג. די ארבעטער שטייען אין שפיץ פון דער אַנוואקסנדיקער, בורזשואַז־דעמאָקראטישער רעוואָליוציע און שטרעבן צו פארוואנדלען זי אין א פראָלעטארישער,—ניין, ניט די רייפקייט פון דער באוועגונג האָט דאָ געהאט צו באשטימען, נאָר דער פאקט, וואָס דער אידעאָלאָגישער צושטאנד פונעם אווטער, פון ווייסנבערגן איז געווען — און אגעוו פארבליבן — נאָך זייער און זייער ניט קיין רייפער. ער האָט ניט געקענט געבן פעסטע צילן און צוועקן דער ארבעטער־באוועגונג. ער האָט ניט געקענט פאנאנדערוויקלען פאר איר פערספעקטיוון, עפענען האָריזאָנטן, ווייל ער האָט זיי אליין ניט געהאט און ניט געזען. ער האָט ניט געקענט דעריבער פארבינדן דאָס שטעטעלע מיט די אלע שלאכטן, וואָס האָבן זיך דאן צעפלאקערט אין לאנד און דערמיט נייע קויכעס און רעוואָליוציאָנערן מוט צוגעבן דעם שטעטעלע. די קלאסן־קעגנזאצן האָט ער אי ניט געקענט דערפירן אינדערטיפ — ביזן געדאנק פון סאָציאַלער רעוואָליוציע און פראָלעטארישער דיקטאטור, אי ניט געקענט ארויספירן זיי (די קלאסן־קעגנזאצן) פון נאציאָנאלע ראמען און פארוואנדלען זיי אין אלגעמיינע... „דער גוי שמרייקט ניט", דער „גוי גייט ניט

וואָליוציאָנערע דעמאָנסטראציעס, נאָר אף רעליגיעזע פּראָצעסיעס. עס ענדיקט זיך מיט א מאפּאָלע, אָבער ווײַסנבערג קען ניט באַגרײַפן, אז עס איז צײַטווײַליק, און אומפּארמײַדלעך איז דער קומענדיקער אופשטײַג און קומענדיקער זיג.

עס איז זייער כאראקטעריסטיש, אז ווײַסנבערג, שילדערנדיק די „כעווורעניקעס" איז טיף איבערצײַגט, אז יעקל, איטשעלע און אנד. זײַנען פולשטענדיקע רעוואָליוציאָנערן, פּראָלעטארישע סאָציאַליסטן, עס זאָל זיי כאָטש פעלן א האָר. צי רעדט דאָס ניט וועגן דער גוואלדיקער ניט רײַפקײַט פון ווײַסנבערגס קלאסן-אידעאָלאָגיע?

אף דער פראגע, וואָס מיר האָבן אויבן געשטעלט, קענען מיר שוין איצט פעסט ענטפערן: מייער ווײַסנבערג איז ניט קיין פּראָלעטארישער קינסטלער. דאָס „שטעטל" איז ניט קיין ווערק פון דער פּראָלעטארישער ליטעראטור. מייער ווײַסנבערג איז א מיטגייער, „שטעטל" איז א ווערק אן אונדז נאָענטס, א מיטגייערישעס.

ווײַסנבערג איז דער פּסיכאָ-אידעאָלאָגישער אויסדריקער פון די טײלן האנטווערקישע ארבעטער, וואָס האלטן זיך ערשט אין פּ א ר וו א נ ד ל ע נ אין א קלאס פאר זיך, בײַס די גרונט-טײלן פון פּראָלעטאריאט האָבן שוין דעם דאָזיקן פּראָצעס לאנג דורכגעמאכט.

---

ווײַסנבערגס אידייִשע באגרענעצטקײַט, זײַנע ניט קענען נאָכגיין פוסטריט נאָך די נאָטעס און מענאכעמס יונגען, ווען זיי ווערן שוין פארוואנדלט אין פּראָלעטאריער מיט א רעוואָליוציאָנערן קלאסן-באוווסטזײַן, זײַנע „אידייִשע צוגעפּעסטיקטקײַט צו די „דרײַ פּייען" אָן העכערע קלאסן-פּערספּעקטיוון" (ליטוואקאָוו) ד. ה. זײַנע צוגעפּעסטיקקײַט צום „ערעוו פּראָלעטארישן האמוין" האָט געמוזט ברענגען צו דעם, אז ער זאָל ניט בעקויעך זײַן צו געבן פאראלגעמיינערטע קינסטלערישע פיגורן פון דער ארבעטער-באוועגונג („שטעטל"). טאקע איבער דעם, וואָס עס האָט אים געפעלט וויסן, פאַרשטאַנד פאר די אַלע פּראָצעסן און דערשײַנונגען אין דער ארבעטער-באוועגונג, איז ער ניט בעקויעך געווען געבן א הויך-קינסטלעריש בילד פון די „כעוורעניקעס". די פאקטן, וואָס ער האָט אופגעכאפּט איז ער ניט בעקויעך געווען דערהייבן צו אַלגעמיינע קאטעגאָריעס. ער

איז געבליבנ שטעקנ אינ די ראמענ פונ די פאקטנ. אונ טאקע פונ־דאנענ שטאמט זײַנ נאטוראליזמ, זײַנ ניט קענענ ארויספירנ אידייענ אינ קינסטלערישער פאָרמ פונ די אלע געװענע אונ געשילדערטע פאקטנ אונ עפּיזאָדנ.

די געשטאלטנ פונ די אונטערנעמער, אָנגעהויבנ פונ דעמ אונ־טערנעמער זעליק אינ זײַנ ערשטער דערציילונג „דויר הוילעכ װע־דויר באָ", די געשטאלט פונ אונטערנעמער מאָטל („צומ איידעמ אפּ קעסט") אונ די אײַזיקס אינ „שטעטל", די ארבעטער־געשטאלטנ פונעמ טיפּ נאָטע אונ מענאכעמ (אונ דאָס איז אינ די פריִקערע דערציי־לונגענ), זײַנענ געשילדערט פיל קרעפטיקער אינ פארגלײַכ מיט די „כעװרעניקעס" אינ „שטעטל". אונ דאָס דערקלערט זיכ אוודע דער־מיט, װאָס די ליניע פונ אונטערדריקונג איז פאר אימ, װײַסנבערגנ, געװענ גענוג קלאָר, דאָס האָט ער גוט באנומענ. די ליניע אָבער פונ באװוסטזיניקנ קאמפּ מיט אונטערדריקונג, עקספּלואטאציע ביז דער ענדגילטיקער רעװאָליוציִאָנערער לייזונג פונ די סאָציִאלע קאָנפליקטנ — פּראָלעטארישער רעװאָליוציע, האָט װײַסנבערג שלעכט באנומענ. אונ דעריבער איז „זײַנ" ארבעטער־באװעגונג נאָכ אינ טאָכ א קליינ־בירגערלעכע.

נאָכנ „שטעטל" האָט װײַסנבערג אָנגעשריבנ „א טאטע מיט באָנימ". קיינ ענדגילטיקנ טראָט צו דערנעענטערנ זיכ צומ פּראָלעטאריאט האָט װײַסנבערג ביז די לעצטע יאָרנ, צומ באדויערנ, ניט געהאט געמאכט. ער איז ארײַנגעפאלנ אינ דער סוויווע פונ בורזשואזע קליינבירגער־לעכ־רעאקציִאָנערע שרײַבער, אונ כאָטש ער האָט ניט אופגעהערט צו שטורמעװענ מיט פאמפלעטנ קעגנ זיי, איז ער דאָכ געבליבנ שטעקנ אינ אנ „אידייִשנ אונ קינסטלערישנ כאאָס", װײַל שטעלנ זיכ אפּ בורזשואזע אָדער קליינבירגערלעכ־רעאקציִאָנערע פּאָזיציעס האָט אימ זײַנ האָרעפאשנער אינסטינקט ניט געלאָזט אונ װידער, מאכנ אנ ענדגילטיקנ טראָט צומ פּראָלעטאריאט איז ער אויכ ניט געװענ בע־קויעכ.

אונ זײַנ שאפונג האָט זיכ אפּ א צײַט אָפּגעשטעלט.

װײַסנבערג, דער מיטגייער פונ דער כראָלעטארישער ליטעראטור, װאָס האָט מיט זײַנע ערשטע כריט פארבונדנ זײַנ קינסטלערישנ

טאלאנט מיטן גוירל פון די האָרעפּאשנע מאסן, קאָן וואקסן דאָרט, ווו עס וואקסט א פּראָלעטארישע ליטעראטור. זיינ פארבינדן זיך מיט דער אמעריקאנישער קאָמוניסטישער צייטונג „פריי-הייט" שאפט פאר ווייסנבערגן די נייטיקע סאָציאַלע סוויווע, ווו ער וועט קענען ווייטער פאָרזעצן זיין שעפערישן וועג, דעם וועג צו דער פּראָלעטארישער ליטעראטור...

---

באהאנדלענדיק ווייסנבערגס „שטעטל" האָבן מיר זיך באמיט צו אָפּפערירן מיט שאַבלאָנעם אשס „א שטעטל". מיר האָבן דאָס אָבער געטאָן נים צוליב געפינען די ענלעכקייט אין די דאָזיקע „שטעטלעך". אזא ענלעכקייט איז ניטאָ, נאָר צוליב קאָנטראסט. און דער קאָנטראסט ווערט באזונדער שארף, ווען מע האָט אין אויג, אז איינע און די זעלבע געשעענישן האָבן סאָציאַל פאַרורזאַכט די שאפונג פון די דערמאָנטע ווערק — די געשעענישן פון 5-טן יאָר. און אָנגעשריבן זיינען די „שטעטלעך" קימאט אין איין און דער זעלבער צייט. די פארשיידענע סאָציאַלע קוואלן און די קלאסנ-פונקציעס פון די ביידע „שטעטלעך" ווערן באזונדער בולעט, ווען מיר פארגלייכן זיי, און דערפאר וואָלטן מיר רעקאָמענדירן באארבעטן זיי אין איין צייט-פעריאָד (איין ווערק נאָכן אנדערן).

---

דאָס ווערק „שטעטל" און די דערציילונג „דויר הוילעך וועדויר באָ" זיינען דאָ געגעבן מיט באדייטנדיקע קירצונגען. די קירצונגען זיינען געמאכט צוליב אידעאָלאָגישע און מעטאָדישע כיימים...

ש. קליטעניק.

# א שטעטל

צווישן מינכע און מײַרעוו איז עס געווען. דער אוילעם איז אין בעסמעדרעש. פארן אָמעד און אין די הענגלײַכטער־ ברענען ליכט, און די ליכט־פלעמלעך טוקן זיך אין רויך פין די פאפיראָסן. און בלישטשען ארויס ווי פון א נעפל, וואָס האָט זיך צעלייגט אונטערן בעליק.[1] דער אוילעם איז רעדלעכווײַז פארשמועסט. דער מיטלסטער אין רעדל רעדט און אלע ארום לייגן די אויערן צו מיט אָנגעבויגענע קעפ און פארקנייטשטע שטערנס. מע ריכט זיך שוין אפן יאָנטעוו, וואָס דארף קומען אין שטעטל גלײַך מיטן געוויסער, באלד ווי דאָס אײַז וועט פלאצן און דער טײַך וועט זיך איבער פעלדער און לאָנקעס צעגיסן, פלויטן און ברעטער מיטשלעפן און ערגעץ אין דער ווײַטער וועלט ארײַן טראָגן. מע ריכט זיך, און דער אוילעם איז פארטון. זיי... ספראווינקעלעך[2] צו באזאָרגן, ראָזינקעס אויסצופאקן, אויסצווענן—וואָס א שטעטל דארף אלץ! באלמעלאָכעס, שנײַדערס צו־ מיינסט, האָבן שוין בלאסע, אויסגעצויגענע פענעמער מיט רויטע אויגן געקריגן און שטיל, ווי די הינדלעך פארנאכט, שטייען זיי און דער שלאָף, דאכט זיך, ליגט זיי אפ די שפיצן פון די בלאסע נעזער. שוסטער, ביפראט היגע שוסטער, וואָס ארבעטן שטיוול פאר די גרויסע שטעט,—זיי איז אלצייגס, זיי זײַנען הײַנט נישט ברודיק מער ווי א גאנץ יאָר. בינטלעכווײַז שטייט מען און מע רעדט מעקויעך אָגולניקעס[3] -- יעקל בריסקער און נאָכעם האָמעלער, וואָס וועלן קומען באלד נאָך פייסעך אין שטעטל ארײַן און מאכן א „רוים"[4], אז דער רועך זאָל עס כאפן. די כעוורע קאצאָווים, ייִדן מיט פליישיקע, רויטע פענעמער, מיט פוטערנע היטלעך אפ די קעפ איבער די אויערן אראָפגערוקט, און מיט די גרינע גארטעלעך אפ די דיקע, פארפעצטע קא־

כאָטעס, האָבנ זייער באַזונדערנ טיש, קעגניבער דעם באַרעגאָלע־טיש. זיי זיצנ אָנגעלענט בא דער וואנט, און די אויגנ פינקלענ אפּער כונ אונטער די טיפע היטלענ... היַינט, די יאָנטעוו־וואָכ, איַילט מענ זיכ ניט אינ שעכטהויז אריַינ, קיינ גרויסע שכיטעס וועט ניט זיַינ, די באַלעבאָסטעס וויסנ שוינ נישט, צי זיי לעבנ אפ דער וועלט — נאָכ פלייש אינ זינ צו האָבנ!.. פאר דאָס זיַינענ שוינ די מעלאמדים פאר־דרייט: צווישנ מינכע און מייַרעוו כאפט מענ א קוק אינ „פּמאָכים" וואָס איז אינדערהיימ ניט „בענימצע"... א טייל דערזאָגנ א מעסיכטע, אנדערע קומענ אָפּ מיטנ זוכנ איבער דער ספאָרים־שאנק, ארומפירנ־דיק מיטנ כיילעוונ ליכטיק איבער די אָפּגעריסענע רוקנס פונ די גע־מאָרעס. נאָר גאָר אינ סאמע אונטערנ־אויוונ, פארגוקט אינ דער האַלב־פינצטערניש, שטייט רויִק א קופּקעלע יונגווארג, זיי גייט דאָס גאָר־שכייענ זיי און קוקן מיט וווּנדערלעכ־פארגאפטע אויגנ אפ יעקל סטאָליער, א גרויסנ יונג, וואָס איז געשטאנענ אינדערמיט און גע־רעדט עפּעס געלאסנ, מיט א זיסנ שמייכל אפנ בלאסנ געזיכט, און האָט זיכ באהאָלפנ מיט דער האנט אהינ און אהער...

איבערנ בעסמעדרעש ווערט דאָס גערודער גרעסער. דאָס גערע־דעריַי טראָגט זיכ אונטערנ בעליק און רוישט אינ אלע ווינקלעכ. די ברענענדיקע ליכטעלעכ אינ די הענגלייַכטער טריפנ איבער די קעפּ, נאָר דער אוילעמ איז פארקאָכט צווישנ זיכ. פלוצלינג האָט זיכ דאָס אלץ ווי איבערגעריסנ. א זעצ אינ שולכנ אריַינ — און דער אוילעמ האָט די קעפּ א כאפּ געטונ אינדערהייכ, די אויגנ אויסגעגלאָצט צום שאמעס, וואָס איז געשטאנענ גרייט אפ דעם באלעמער מיט אנ אָפנ מויל עפּעס אויסצורופנ. די יונגע כעוורע האָט זיכ א לאָז געטאָנ פונ אונטערנ אויוונ אפּער, יעקל סטאָליער בעראָש. זיי האָבנ דעם שאמעס ארומגערינגלט, און ער האָט אָנגעהויבנ: „ראבויסיַי, — האָט ער זיכ צעשאָקלט, מיט די אויגנ צום בעליק ארופּ, גלייַכ ער וואָלט דאָרט געזוענ, וואָס ער דארפ אויסרופנ, — „ראבויסיַי, איכ בינ איַיכ מוידיִע מידאס האָראוו אומידאס האקאָהאָל, אז יאָנטעוודיק מעל ארייַנ־צוברענגענ פונ אנדערע שטעט האָט קיינ שום העכשער נישט, איז אזוי גוט ווי כאָמעצ: בא רעב אוורעמלענ איז האיאָר דאָס מעל עלפ גילדנ א פּוד, אוני מאָעסכיטנ פאר געמיינע לייַט, אָפּגעקומענע

מענטשן — בא עליענ"... אָפּגעזאָגט און, אראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ מיטן שפּיץ בערדל אפ די פּארפּעצטע לאצן, האָט ער זיך אָנגעהויבן אראָפּ־צולאָזן פון די באלעמער־טרעפּלעך.

דער אוילעם איז דערפרישט געוואָרן. די פּענעמער האָבן אופגעפלאַמט: סטייטש? מע גלעט די בערד, מע בייסט די שפּיצן, מע היצט זיך און מע שאָקלט צו מיט ביידע הענט, דאָס בעסמעדרעש קאָכט, ווי א קעסל.

— ראבויסיַ... — האָט זיך ווידער דערהערט א קאָל, א פּארזונקענ קאָל, ווי פון אונטער דער ערד אפּער, און — א פּאטש אינ שולכנ [10] אריַינ.

דער אוילעם קוקט און גאַפט — יעקל סטאָליער מיט א גאנצער כעורע. ער איז בלאס, דערשראָקן, די אויגן פינקלען;

— ראבויסיַ... מע טאָר נישט... מע באשטייט נישט... אָרעמע ארבעטערס געלט... מע מעג ברענגען מעל — נישטאָ קיין מאָנאָפּאָל!..

דער אוילעם שטייט און קוקט מיט אויסגעשטעלטע אויגן און אָפענע מיַילער. האָט זיך ערשט א דין קעלעכל פון דער מיזרעכ־וואנט דערהערט, וואָס האָט די איַינגעהאלטענע שטילקיַיט דורכגע־שניטן:

— אראָפּ, יונגאטש, ארצי־מעכוצעפּ־פּאָנעם! [11]

— אראָפּ, אראָפּ! — איז געוואָרן א געשריי, א געטומל פון אלע זיַיטן, און כעוורע קאצאָווים האָבן זיך שוין א לאָז געטאָן אפן באַ־לעמער ארופ... איז דאָרט געוואָרן א מעהומע צווישן בליצנדיקע פּע־נעמער און א געוואָרפעריַי מיט הענט איבער קעפּ און קעפּ איבער הענט. א יאמ קולעס האָט זיך פארקאָכט און אויסגעמישט. יעקל סטאָליער איז פון באלעמער אראָפּגעפלויגן און איז ארויס — אנטלאָפן מיט א גאָלן קאָפּ און מיט א צעבלוטיקטער נאָז פון בעסמעדרעש.

איז ער אָפּגעלעגן ביז ערעוו יאָנטעוו. ערשט ערעוו יאָנטעוו באַטאָג, ווען מע האָט די פענצטער אופגעמאכט, די פייגעלעך האָבן געפּישטשעט מיט גרויס בענקשאפט און די זון האָט די שטוב אויס־געוויַיסט מיט א שטילער אופגעריכטער ליכטיקיַיט, איז יעקל פון בעט אראָפּ און איז פון שטוב ארויס.

א שטילן אופגעריכטע זון האָט געלויכטן איבערן מארק. די פענצט־ער פון די מארק־געוועלבער האָבן כיינעוודיק געבלישטשעט. ערטער־

וויז איז שוין טרוקן געווען, זאמדיק, נאָר אין די ראָוועס פאַר די „פּאָטשניס" האָבן זיך נאָך דינע וואַסערלעך געצויגן און צונויפגעגאָסן זיך אין געסל באַרג־אַראָפּ. און צונויפגעגאָסן האָט עס זיך שטיל, מיט א פריילעך געשעפּטשעריי, און אונטערגעברומט האָט עס שטילערהייט, ווי מע שלעפערט איינע קינדער. און גערופן האָט עס זיי, די קינדערלעך מיט די צעשפּאָלטענע מײַטקעלעך, זיי זאָלן קומען גריבלען מיט רויטע, איינגענעצטע הענטלעך, שטראָלקעלעך [12] צו קלײַבן...

און אָפּגעפּראַלט איז טיר־און־פענצטער געשטאַנען. דורך די לעכער פון די בוידעמס האָבן קלאָרע, ווײַסע ציכן אַרויסגעהאַנגען און יאָנטעוודיקע ווײַבערשע קליידער, דאָס ווינטל האָט אין זיי געבלאָזן, געגלעט און געשפּילט זיך מיט זיי און אונטער זיי אין באַהעלטעניש און דורך די אָפענע צענטער ווינקען אַרויס אויסגעקאַלכטע קוימענאויוונס און קוקן מיט א באַהאַלטנקייט אין מאַרק אַרײַן, אָפּן ליכטיקן דרויסן, און באַהאַלטן זיך, דאַכט זיך, און קיפּלען זיך איין אין די ווינקעלעך. און פאַר די טירן שטייען שוין ווײַבער, האַלב יאָנטעוודיק אָנגעטאָן, און קאַשערן נאָך א קוב אָדער א לאַנגע הילצערנע באַנק, און אַף די בלאַספּעכנע געזיכטער דערקענט זיך שוין א שײַנעבדיק־מידער שמייכל פון: „געלויבט ביסטו, גאָט, וואָס מיר האַלטן שוין אַזוי ווײַט"... מאַניש גלעזער טראָגט שוין אַהיים עטלעכע נײַע שינדלען: צו פאַרדעקן זײַן רויט־געפּאַ׳בט טישל, און כאַים — יוינע מעלאַמעד, וואָס האָט ערשט הײַנט, דאַכט זיך, דעם רוקן אויסגעגלײַכט פון א גאַנצן ווינטער, טראָגט אויך די איבערגעטויוולטע קויסעס אין א נייער, רויטער פּאַטשיילע אַהיים, ווי ער איז זיך נויעג אַלע יאָר. קונדייסים, הײדער־ייִנגלעך, טייל לוין אין נײַע קאַפּאָטקעלעך, באַגעגענען זיך מיט שמייכעלעך אין די אויגן, מיט א בליק אַרום דאָס צינגל און א פּאַטש מיטן הענטל אַף דער שויס איבער די אָנגעפּיקטע קעשענעס ניס... אַפילע דאָס דינסטמיידל פון שענק האָט זיך שוין די האָר פאַרקעמט, א בלאָ בענדל אין צאָפּ אײַנגעפלאָכטן, און טראָגט א „סטעמפּע" [13] אַף מאַצע־מעל. דער אַלטער „סטרוזש" פון די מאַרק געוועלבער קאָרעט זיך אַרום מיטן לאַנגן בעזעם אין דער האַנט און שאַרט צונויף די ביסלעך שטרוי און צעריבענע „גראָטשאָווינעס", [14] נוואָס וואַלגערן זיך פאַר די טירן אַרום, נאָך די פּאָדלאָגעס אויסקערן און דעם טאָמעץ פאַרבוענען. ער טראָכט אָן א ליולקע טאַבאַק, בײַבט

שטיינ פאַרטראַכטערהייט מיטנ בעזעמ אונטערגעשפּאַרט אונטערנ אָרעמ, לאָזט קופּקעלעכ רויכ איבערנ קאָפּ, אונ די אויגנ פונ אונטער די ברעמענ קוקנ שטיל אינ דער לופט אריינ... עס כאַפּט אָנ אפ אימ א גרויס ראַכמאָנעס. עס דאַכט זיכ, אז פאַר אימ אונ זיינ גרויער סוקמאַנע אונ דער קוטשמע אפנ קאָפּ איז שוינ קיינ שומ טקומע נישטאָ, אונ ער וועט שוינ פאַרבלייבנ אפ וויַיטער באַמ ווינטער... אונ דאָ, דער זומער ווינקט פונ אַלע באַהעלטענישנ אונ שפּאַלטנ ארויס, דאָס ווינטל הויכט מיט א פיבער, פרישער ווארעמקייט, וואָס מישט זיכ אויס מיטנ געפּישטשעריי פונ די פייגעלעכ, וואָס טאַנצנ אפ די שפּיצנ דעכער, מיט אופגעהויבענע, געטרייסטע קעפּעלעכ צומ וויַיטנ בלאָענ הימל. אונ די וואַסערלעכ פונ אונטנ רוישנ, פלוידערנ אונ גיסנ זיכ צונויפ אינ טייַכ אַריַינ אונ מישנ זיכ אינ די וועלנ אויס, וואָס טראָגנ זיכ איינע נאָכ די אַנדערע איבער דער גאַנצער ברייט טייַכ, ווי לענגלעכ שוואַרצע רוקנס, אונ דערהייבנ זיכ אונ פאַלנ איַינ איינס נאָכס אַנדערע, אופ אונ אָפּ, אופ אונ אָפּ, מיט מיליאָנער בלישטשענדיקע אייגעלעכ פאַר דער ליכטיקער זונ, וואָס קוקט אפ זיי מיט א ליבער ווארעמקייט, ווי א מאַמע קוקט אפ אירע לוסטיקע קינדערלעכ. אונ דאָס געפּלעשטשעריי טראָגט זיכ אינדערלופטנ, צעגיסט זיכ ארומ אונ ארומ אונ די וועלנ איַילנ אונ יאָגנ זיכ זייער וועג אונטער דער בריק ארונטער אונ ווארפנ זיכ אפ די זיַילנ מיט א געפּאַטשעריי, אונ צעשפּריצנ זיכ אינ דער לופט אונ לייַכטנ, ווי טויזנטער שפּריצלענ קאַלכוואַסער, אונ ארומ אונ ארומ קאָכט עס אונ שוימט, לייבנ־רוקנס, דאַכט זיכ, קריכנ ארומ אונטער די זיילנ מיט צעפּלאָשעטע גזשיוועס אונ וועלנ זיי באַלד אונטערטרייבנ אונ אומוואַרפנ, אונ ווייט איז דאָס פעלד פאַרגאָסנ, מיט א בלאָענ הימל איבערגעצויגנ. נאַקעדיקע שפּיצנ פונ פאַרטרונקענע צוימענ קוקנ פונ וואַסער ארויס, ווי שטומע שעפּסענע קעפּלעכ, וואָס האַלטנ בא דערטרונקענ ווערנ אונ בעטנ ראַכמימ בא דער ארומיקער וויַיסער וועלט.

אונ דאָס וואַסער רוישט, רוישט אונ קאָכט.

אונ אפנ שאָסיי האָט זיכ א גערויש פונ רעדער דערהערט. אונ באַלד איז א וואַרשעווער פור געגעבנ א קומ־אָנ אונ א שטעל זיכ אָפּ אפ דער בריק, אונ די פערד האָבנ די קעפּ פאַרוואָרפנ איינהאַלטנדיק זיכ מיט פאַרשאַרטע מיילער אונ אויסגעשטעלטע ציינ מיט

שוים, אז דער דישעף האָט זיך קאַפּויר אויסגעשטעלט. פריילעכע, יונגע שטימען האָבן שוין געקלונגען, און שיינענדיקע פּענעמער, מיט פאצעטישע היטעלעך אף די קעפּ, האָבן זיך פון דער בויד אַרויסגעוויזן, איינער נאָך דעם אַנדערן שפּרינגען זיי אַראָפּ — וואַרשעווער געסט!... דורכויס געפּרעסטע קעלנערלעך, רויטע אָפּגעשמיסענע בעקלעך פון ווינט, און די אייגעלעך פון אונטער די דאַשעקלעך קוקן גאָר „מאַמזעריש"... אַבּיסל פאַרשאַרט, נאָר עס שאַדט ניט — אָנגעלייגטע געסט וועלן זיי זיין.

געכאַפּט די פּעקלעך, טייל די קוישלעך, אונטער די אָרעמס, און מיט שמייכעלעך און אויפגעהייבענע לויטערע אויגן אף די הייזלעך, געלאָזט זיך לויפן אַהיים, ווי ניט איין מאַמע האָט געכאַפּט און אַוועקגעוואָרפן אַ באַנק, אָדער אַ ברעט אינמיטן קאַשערן און אַרייַנגעלאָפן אין שטוב אַרייַן מיט אַ געדרולע...

און דער יאָנטעוו איז אָנגעקומען.

דער ערשטער טאָג יאָנטעוו.

עס איז נאָך פרי. די זון האָט זיך ערשט אפן בלאָען הימל אַרויסגערוקט און מיט אַ פרישן רויט פּאָנעם צו די שטילע גאַסן אַראָפּגעקוקט.

אף דער גאַס הייבט זיך אָן איינציקווייז באַווייזן דאָס יונגוואַרג, מיט צעלאָזטע סאַקלעך, מיט הויזן־וועסט איבער די קאַמאַשלעך, שיין פאַרשוירענע פּייעלעך און אויסגעלייגטע, ווייסע קעלנערלעך. מע באַגעגנט זיך מיט שמייכעלעך אף די פּענעמער, אַ שאָקל מיטן קאָפּ און מע שטעלט זיך אָפּ. באַלד ווערט אַ גאַנץ רעדל און אַז איטשעלע קאַמאַשן־מאַכער קומט נאָך אויך צו, — אַ יונג אין אַ פּאָר לאַקירקעס, מיט אַ העל סאַקל און אַ גלאַטיק אָפּגעראַזירט פּאָנעם מיט פינקלענדיקע אויגן אונטערן קליינעם דאַשעקל, — ווערט שוין גאָר לעבעדיק. מע פּרוווט זיך שוין אַ שטופּ טאָן איינס דאָס אַנדערע, מע כאַפּט זיך באַ אַן אָרעם און מע דערטאַפּט דערוויַיל וויפל קויעך באַ יענעם איז דאָ. און עס ווערט אַ געלעכטערל. און גייען פאַרביי יונגע, אויסגעצירטע ווייבלעך אין שול אַריין, מיט די ביינערנע סידורים אין די ווייסע טיכלעך איינגעוויקלט, וואַרפט כעוורע אויגן און מע שיקט זיי נאָך ווערטלעך, אַז די ווייבלעך ווערן רויט און לאָזן די אויגן אַראָפּ, וויַיטער גייענדיק, ווי דורך אַ בראַנד. און טאָמער, אין

רעכטנ פארטאַנקייט, אינ סאַמע בעסטנ, ניט זיכ יעקל סטאָליער א באַוויַיז, ער אויכ אינ זיינ יאַנטעווודיקנ סאַק, און גייט זיכ, דאָס בלאַסע פּאָנעם דערהויבנ, די שווארצע אויגנ גלייכ אויסגעשטעלט אפ דער כעוורע, ווי איינער, וואָס האָט אַלעמאָל גרייט עפּעס נייס צו זאָגנ.

— גוט יאָנטעוו, כאַווייריִם! — שטעלט ער זיכ געלאַסנ אָפּ.

— גוט יאָנטעוו, גוט יאָנטעוו, — שאָקלענ אַלע מיט די קעפּ.

— נו, וואָס הערט זיכ עפּעס אינ אַנדזער װאַרשע? — װענדט ער זיכ צו עטלעכע אָנגעקומענע אפ יאָנטעוו.

— נישקאָשע, מע רודערט!... עס גייט א גאַנג... — ענטפערנ די אינ געלעכטערלעכ.

— מע „דעמאָנסטרירט״?...

— פרעגט זיכ! און מע זיצט אינ די קאַוויאַרניעס און מע האַקט זיכ מיט די מיילער, אז דער רועכ נעמט עס!

— און שטרייקנ!

— אויכ... אַלצ, אַלצ...

אַזוי־ערנאָכ נעמט יעקל סטאָליער אָפּ א גרוס פונ „זיינ״ װאַרשע און צעשמועסט זיכ, וואָס אמאָל טיפער — און דערײַקער פרעגט ער זיכ אויס, צי מע האָט עפּעס אסאַכ שפּיאָנענ אוועקגעלייגט אינ דער לעצטער צייט... ווענ נישט זיי, וואָלט ער דאָכ פארשפּאָרט צו זיצנ אינדערהיימ און „פארפּאָלגט צו ווערנ פונ פאַנאַטיזמוס״...

נאָר שטענדיק צעקלאַפּט איטשעלע קאַמאַשנ־מאַכער יעדנ וויכטיקנ שמועס:

— קומט, כעוורע — גיט ער א רופּ — א סאָפּ, אַרײַנ צו מאָטעלענ, וועלנ מיר מאַכנ א יאָנטעווודיקנ שנאַפּס.

און כעוורע שארנ זיכ אַרײַנ צו מאָטעלענ. אינ א גלעזערנער טיר, וואָס ווייזט אַרויס אינ גאַס אַרײַנ א טשייניק אפ א בלעכנ שילדל, מיט אנ אופגעשניטענער לימענע און א גלאָז מיט א טיי־לעפעלע — און דאָס אַלצ איז אויסגעמאָלט אינ איינ קאָליר — געל.

עס געדויערט נישט לאַנג און עס ווערט שוינ א געזינגעריי, וואָס לאָזט זיכ אפ דער גאַס אַרויס הערנ:

„ברידער און שוועסטער פונ ארבעט און נויט,
די אַלע, וואָס זײַנענ צעזייט און צעשפּרייט״...

דאָס האָבן די וואַרשעווער געבראַנגט אַזאַ ליד, וואָס יעקל סטאָליער האָט נאָך ניט די זכיה געהאַט צו הערן ביז היינט. די נייטראַכט ער זיך מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויפן בלאַסלעכן געזיכט: „וואָס אַמאָל גייט עס פאָרווערטס"...

און אַז יידן גייען פון שול מיט די טליתים אונטער די אָרעמס און שטעלן זיך אָפּ פאַר דעם געזאַנג, צי זיינען ניט אַמאָל זעלנער אָנגעקומען, — שטייט יעקל סטאָליער מיטן פּאָנעם אין דער שויב און קוקט אַרויס מיט שטילער, ליכטיקער האָפענונג אין די אויגן, און אויף די ליפּן שוועבט אַן אויסגעלייטערטער שמייכל: „וואַרט, וואַרט, אַלטע נאַראָנים, איר וועט שוין שפּעטער געוואָר ווערן"... פון איין זאַך האָט ער נאָר גרויס צער — ס'איז ניטאָ, ווער זאָל קענען זיי, די אַרבעטער, גוט דערקלערן זייער לאַגע. ווען ער זאָל קענען פאַר זיי האַלטן אַ רעדע, אַך אַ רעדע... — זיפצט ער שטיל אָפּ.

איז ער אַ גאַנצן יאָנטעוו אַרומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ. האָט ער געקלערט און געקלערט, ביז ער האָט עפּעס צונויפגעשטעלט פאַר זיי אַ רעדע, און אַכרען שעל פּייסעך האָט ער געלאָזט צו וויסן טאָן אין דער „מאַסע" אַריין און מע האָט זיך פאַרזאַמלט אונטערן טעפּערס באַרג, הערן, ווי ער, יעקל, וועט עפּעס פאָרלייענען. איז כאַוורע געשטאַנען אונטערן באַרג מיט אויפגעהויבענע פּנימער און אַרויפגעקוקט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם צו יעקלען — איבערן באַרג. איז ער געשטאַנען אינדערהייך, און אויפן בלאַסן פּאָנעם האָט געשפּילט אַ רויטלעכע פאַרב, און די אויגן האָבן געגלאַנצט, גלייך צוויי נעשאָמע־קניטלעך וואָלטן זיך אין זיי אָנגעצונדן. האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר מיט גרויסע אויסיעס, האָט אַ קוק אַראָפּ געטאָן צום עולם און האָט אָנגעהויבן צו לייענען אַ שטיקל צום גראַם, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אָפּגעטאָקטע ווערטער און אויך צום גראַם:

„נידער מיט דעם קאַפּיטאַליזם!"
„עס לעבע דער סאָציאַליזם"!

האָט עס דער גאַנצער עולם אונטערגעכאַפּט און געענדיקט מיט אַ געשריי „הורא, הורא"!

און דערמיט האָט יעקל סטאָליער אַראָפּגענידערט פון באַרג און

פֿארמישט זיך צווישן אוילעם, וואָס האָט זיך מיט אָפענע מײַלער און פֿארפֿלאמטע פּנימער צוריק געלאָזט אין שטאָט אַרײַן מיט א געזאנג.

און באַלד נאָך יאָנטעוו, די פּאצעטלעך זײַנען אוועק צוריק קיין ווארשע, „אָגולניקעס" האָבן זיך אָנגעהויבן איין שטעטל ארײַן צו באַווײַזן, צו מאכן א „רוים", און די פֿאבריקאנטן האָבן גרויסע לײַדיקע צוקער־פּעסער אונטער די פֿענצטער אָנגעגרייט, אָנצופּאקן זיי מיט שטיוול, — האָבן די „יונגען" שוין אַלץ געהאט פֿארגעסן, און מען איז זיך געזעסן בײַ די ווארשטאטן, צו צוועלף, צו פּופֿצן מאַן אין א ווערקשטעל, די ארבל פֿארקאשערט ביז איבער די עלנבויגנס, די פּנימער רויט און באַדעקט מיט שוויים, וואָס האָט געראָנען ביז איבער דער גאָמבע, און זיי האָבן געקלאַפּט מיט די העמערלעך איבער דער זויל און ווײַטער זיך צוגעזונגען.

מאכט זיך אָבער איינמאָל א מעשה, עס איז געקומען אַראָפּ צו פֿאָרן עפּעס א פֿרעמדער יונגערמאנטשיק אַפֿ א שאבעס, און דערצו נאָך אזוינער, וואָס דאָס גאַנצע שטעטל האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן, ווער ער איז, ווײַל ער איז ניט אײַנגעשטאַנען בײַ הערשל מענאַשעס, ווי אַלע „אָגולניקעס" שטייען אײַן. און עפּעס א מאָדנע ברילע איז דאָס: אַן איידלס, מיט א בלאַסלעך, לענגלעך געזיכט, א בלאָ ה. זמדל אונטערגעבונדן מיט רויטע פּאָמפּאָניקלעך. א שפּינקעלע אונטערן האַלדז, א שווארץ קאפּעליושל אַפֿן קאָפּ און שווארצע לאַנגע לאָקן ביז איבער די אַקסלען צעלאָזט. איז עס אין שאבעס געווען. די זון האָט פּונקט געשײַנט, און כעוורע יונגווארג האָט זיך ארומגעדרייט אַהין און צוריק איבער דער גאַס, עפּעס שטארק צערודערט. ווײַבלעך און מיידלעך זיצן אַפֿ די „פּאָטשינע"[16], אַז ויווי שאבעס באַטאָג נאָך דעם עסן, אויסגעפּוצט אין די שאבעסדיקע קליידער און קלאָרע פֿארטעכלעך — ווייסן שוין אַפּילע, וואָס פֿאַר א קונצן „דער דאָזיקער" וועט מאכן באַם גאַלעך אַפֿן הויף... און די כעוורע יונגען אינמיטן גאַס קוקן אים אויך נאָך שטיל און שווײַגנדיק, און טײלמאָל טוט מען זיך א שמייכל איבער איינס צום אַנדערן. און יעקל סטאָליער, זעט מען, קלעפּט גאָר אָן אים, שוועבט אויך איבער די גאַסן אַהין און צוריק און אַלעמאָל ווארפֿט ער עפּעס אַרײַן א סאָד צווישן כעוורע, נאָכאמאָל און נאָכאמאָל, ביז דער אוילעם איז ביסלעכווײַז ערגעץ פֿארשוווּנדן געוואָרן און די גאַס איז לײדיק געבליבן...

און צומאָרגנס האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל געררוישט, אַז ניט קיין קונצנמאַכער איז דאָס געווען, נאָר אַ וואַרשעווער, איינער פון יענע „פאַרשווינדלעך"... און די יונגעע אין די וואַרשטאַטן זיינען עפּעס שטילער געוואָרן און אָנגעהויבן צו כאַלעמען איבערן שטיוול, וואָס מע האַלט אָפּ די קני אינמיטן איבערנייען, אָדער קאָווען. יענע בלאַסלעכע געזיכטן, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן בוים מיט פאַרטראַכטע אויגן, קען זיי גאָרנישט פון זין אַרויס. עס זיצן אין איין וואַרשטאַט אַרום צוועלף מאַן געזעלן מיט האַנט־יונגען, קוקט זיך איינער צום צווייטן נישט אום, און יעדער פּאָר זיך איז פאַר־טראַכט מיט אַ ריזיק אָראָפּגעלאָזט געזיכט און שטילע אויגן, וואָס שטייען אומבאַוועגלעך איבער דער אַרבעט. און טייל מאָל שטעלט זיך אַ האַנט אָפּ, דאָס העמערל לאָזט זיך אָנמעכטיק נאָך און בלייבט ליגן אַף דער זויל, פּלאַך, איבערגעדרייט, ווי אַן אָפּגעשטאַנענע פּישל מיטן בייכל אַרויף. און ער, דער יונג, האַלט באַם עק שטילעכל און קוקט מיט אַזוינע אויגן, ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך פאַרטואַבט אינ־מיטן גאַס מיט דעם בייגל אין דער האַנט.

— וואָס זיצסטו, טאַם? — רייסט איבער אַן עלטערער געזעל.

— הום... — כאַפּט זיך דער יונג ערשט אויף און ־טוט פאַרשעמט אַ שמייכל און, ווי צו פאַרענטפערן זיך, לאָזט ער פאַלן עטלעכע ווערטער — „איי... ווער עס האָט ניט געזען"...

און וואָס געזען, ווען געזען, זאָל מען אים שוין אַ גליד איבערהאַקן, וועט ער נישט דאָס מויל עפענען, איידער ער קוקט זיך אום, צי דער מייסטער איז ניטאָ אין שטוב...

עס טרעפט טייל מאָל פּאַרקערט, ווען די אויגן בליצן אויף, דאָס פּאָנעם קנייטשט זיך העפּטיק, ווי פּאַליעס וואָלטן איבערן קאָפּ גע־יאָגט — דעמלט יאָגט מען די פּלעקלעך מיט אַן אימפּעט אין דער געלעכערטער זויל אַריין, צוטאַנצנדיק מיטן העמערל, איינס־איינס־איינס־איינס!... און מיט אַזאַ געשווינדקייט, ווי מע דעריאָגט עפּעס, ווי מע דערכאַפּט עפּעס, ווי מע וויל זיך מיט עפּעס צוזאַמענשטויסן, עס זאָל קנאַקן, הילכן! און אין אַזאַ צייט מוז שוין וועלכער עס איז אַרויסשפּרינגען מיט אַ לידל:

„וואָס טויג אייך דען, ברידער, אַזאַ לעבן
אַ לעבן אין הונגער און אין נויט?..."

און דער גאנצער אוילעם, ווי איין כאָר, טוט באַלד אַן ענטפער אָפּ מיט געזאַנג און געקלאַפּעריי מיט די העמערלעך, מע שמעטערט די שטיפּטלעך אין דער געלעכערטער זויל אַריין, ווי די קוילן אין ערגסטן סוינע, און דאָס געזאַנג צעטראָגט זיך דורך די אָפענע פענצטער אַפּ דער גאַס אַרויס, מעכטיק און מיט ראַש.

און אַז עס טרעפט גראָד, יאַנקל סטאָליער גייט פאַרביי און דערהערט דאָס געזאַנג פאַרגאַנוועט זיך אים אַ שמייכל אין די ווינקלען פון די ברעמען, און די אויגן שטראַלן מיט האַרציקער פרייד צו די אָפענע פענצטער...

פאַרנאַכט. מען לייגט אוועק די אַרבעט, לאָזט מען זיך אין גאַס אַריין. מע גייט שווייַגנדיק, מע באַגעגנט זיך מיט די יידן, וואָס שטייען אויפן שול־הויף אַרומגעגאַרטלט מיט רויטע פאַטשיילעס און וואַרטן אויף אַ שטערן... קוקט מען זיך איבער מיט זיי און מע גייט ווייַטער... מע שפּאַצירט פּאַרלעכווייז, אָבער מע כאַפּט זיך אַריין צו מאָטעלען אין טיי־הויז, הערן אַ יידיש וואָרט!... ווער שמועסט אַ לידל — איז אוודאי גוט...

שאַבעס באַטאָג קען מען דאָס גאַנצע שטעטל אויסשאָקלען פאַר איין יונג, די גאַסן זייַנען ליידיק, די לאָנקעס צוגעלענט, עס הערט זיך אַ שנאָרכען, און די יונגע זייַנען פאַרקראָכן מיט יעקל סטאָליער הינטערן נייעם בעסוילעם אַרונטער...

נאָר ווען די זון לאָזט זיך שוין אַראָפּ אין יענער זייַט טייַך, אין וואַסער שפּיגלען זיך שוין אָפּ די רויטע הימל־פלאַמען, און איידעלע יונגעלייַט מיט בלאַסע צורעס, מיט שיך און־זאָקן און מיט פאַרשטעקטע הענט אין די גאַרטעלעך פון די שלאָפראָקן גייען זיך בענימעס צו שפּאַצירנדיק, אויף דעם ברייטן וועג — הערט מען שוין די כעוורע צוריק גיין מיט געזאַנג אין שטאָט אַרייַן...

און איינמאָל, שאַבעס פאַרנאַכט, האָט זיך דער סטאַרשע סטראַזשניק פאַרגאַנוועט הינטערן שעכטהויז און אָפּגעקוקט פון הינטער אַ ווינקל־וואַנט, מיט די שעכענע שליפעס און מיט דעם שטערנדל אויפן היטל...

און אַז די כעווורע איז אין שטאָט אַריין, אין דער ערשטער גאַס, איז פאַר אַ טיר פון אַ הויז מיט ווייס־געמאָלטע לאָדנס געשטאַנען אייַזיק פייגע־ליבעס, דער גרעסטער פאַבריקאַנט פון שטיוול, ער מיט זייַן

איידעם הערשעלע, - די סאקן צעלאָזט, מיט די קיטלעך איבער די גרינע פליושענע ווערסטן, און האָבן נאָכגעקוקט מיט פארביסענע ליפּן, אראָפּגעלאָזטע קעפּ און פארבאָרגענע בליקן פון אונטערן שטערן אפער. כעוורע האָבן אויך די קעפּ אראָפּגעלאָזט... און אײַזיק מיטן איידעם האָבן זיך איבערגעקוקט מיט א פארברענטן שמייכל אין די בלישטשענדיקע אויגן..

דערנאָך, ווען דער „סטארשע" איז צוריקגעגאנגען פון הינטערן שעכטהויז, האָבן זיי אים ארײַנפארבעטן אין שטוב אף כאלע און יידישע פיש.

דער איידעם האָט אים צוגערוקט א שטול, אײַזיק האָט זיך גע-פּאָרעט מיטן טישטעך אויסגלײַכן, אָפּשאָקלען, און כאוועלע דאָס ווייב איר איבערגעגאָסן פון א שאָנטשיק, זי האָט זיך דערווייל געדרייט בא דער סערוואנטקע. ארויסגענומען דאָס קארפּינקעלע בראָנפן און צוגעטראָגן עס צום יונגן ווייבל, וואָס איז אפּן בעט געלעגן, און געקיפּלט זי, זי זאָל צוגיין צום טיש דערלאנגען — „מע מוז פאר אן אָרל אויך אמאָל יויצע זיין"... — האָט זי צוגעשמייכלט, ווי א ליבע מאמע, וואָס ווייס און איז געניט...

פון דעמלט אָן איז דער סטארשע סטראזשניק געוואָר געוואָרן פין נאָך א ניי וואָרט — „אכדעס"! אז יידישע ווערטער קען ער פיל און האָט זיי ליב, למאָשל: „קאלע", „באָד", „מאכן א שפּיל" — האָבן פארשיידענע טײַטשן, נאָר קומען קומט פון זיי ארויס בולקע מיט פיש... ציגד נאָך א וואָרט, וואָס גיט כאלע מיט פיש: „אכדעס".

יעקל סטאָליער ווײַטער איז דערגאנגען, אז ער דארף מאכן קע-סיידער פארזאמלונגען און דער סטארשע דארף זיך פארגאנווענען הינטערן שעכטהויז.

אין א צײַט ארום האָט שוין דער סטארשע געהאט פארשריבן אין ביכל אלע נעמען פון די אכדעס-לײַט; יעקל סטאָליער איז גע-שטאנען אפּן ערשטן זייטל, אויבנאָן:

„יאנקל פישער"...

קיינער האָט אָבער ניט געקוקט דערויף. כעוורע אין „טשײַנע" מערט זיך. עס קומט אן אפּדערנאכט, ווערט ענג אין לעצטן שטיבל, ווי נאָר א באלמעלאָכע, א האנט-יונג, קומט ער דאָ אהער, פארברענגט

דאָ א שאָ, צוויי. און ווערט שוין א כעוורעמאנ[19]. יעקל סטאָליער האָט האשגאָכע[20] אפ אלעמ. אפילע זיך לוסטיק מאכנ לאָזט ער נישט; ער וויל, מע זאָל ניט שפרינגענ אפ טיש און בענק, ניט איינברעכנ די בעטנ. ער פירט אויך „קאָרעספּאָנדענציע" מיט ווארשע... לעזט פאַר די בריוו, און פונ דעמ וואקסט אויך די כעוורע פונ טאָג צו טאָג, וואָס א נאכט — ווערט אינ שטיבל ענגער, פריילעכער, לעבעדי־קער.

און איינמאָל האָט יעקל געבראכט א גאנצנ פאק פראָקלאמאציעס און אָנגעהויבנ צו טיילנ, אזוי ווי אינ די גרויסע שטעט. איז אָבער דער אוילעמ — ווי איטשעלע קאמאשנ־שטעפער זאָגט — געהארגעט אפ דער „איוורע"... און ווי יעקל סטאָליער קלאָגט זיך — „טאלמעטוירע־קאליקעס" — מוז ער אליינ פאַרלייענענ. דער אוילעמ רינגלט אימ ארומ, מע שטייט איבער טיש און בענק, איינער אפנ אנדערנ, איינער איבערנ אנדערנ, איבער ד"י קעפ און איבער די אקסלענ, מע כאפט זיך אינדערלופטנ, און יעקל סטאָליער הייבט אופ די פראָקלאמאציע צום לאָמפ:

— „געגנאָסענ און געגנאָסינענ!"

— פארטייטש! — רופט איטשעלע.

כאוויירימ און כאווערטעס... — ענטפערט יעקל.

— וואָס פאר א כאווערטעס!...

אינ גרויסע שטעט — דערקלערט יעקל — באטייליקנ זיך מיידלעך אויך.

— הייסט עס, מישנ זיך אויך ארייַנ?... פרעגט מענ נייגעריק.

— אוואדע...

נאָר דאָ הי... שמייכלט איטשעלע, א פארשאָלטענע שטאָט דאָס איז...

— גיב אימ שוינ א פּאָר מיידנ... — כאפט עמעצער אונטער, און כעוורע צעלאכט זיך. איטשעלע הייבט נאָך אָנ צו קלאפנ איבער די אקסלענ, ווערט שוינ גאָר א געקאָכעריי, אז גאָט זאָל אָפּהיטנ. און מע הייבט זיך אָנ צו ווארפנ איבער טישנ און איבער די בעטנ. היטלענ פליענ אינדערהייך, די קוילעס שלאָגנ־אָנ אינ באלקנ. דערווייל טרעט עמעצ אָנ א קינד אפ א פיסל, צעשרייט זיך עס; קומט ארייַנ צו לויפנ טויבעלע, מאָטעלעס ווייַב, מיט א גוואלד, כאפט דאָס קינד

אף דער האַנט, שטילט עס איַין. כעוורע ווערט דערוויַיל אביסל גע־
לאסענער, צעלייגט זיך אף די בעטן אין דער ברייט, מיט די קעפּ אָנ־
געשפּאַרט אָן דער וואַנט און מיט די בייַכער אַרויף, ווי די לעשטשעס.
און אויב איטשעלע פאַרגלוסט זיך אַרופצוקריכן מיט די קניִען אף
די בייַכער, ווערט א געשלעג, מעג מען שוין פון שטוב אַנטלויפן.
יעקל סטאָליער וויל דערפאַר שטראָפן: מע דאַרף לייענען! מע הערט
נישט, אַלע זיַינען צוזאַמען און עס איז פריילעך. „אבדעס" — ווייסט
מען שוין אַזוי אויך: דאָס איז א מין „באַשטיין", וואָס אַלע באַשטייען" —
זאָגט איטשעלע. לאָזט יעקל סטאָליער אָפּ און בעט נאָר זיך צעגיין אַהיים:
— גייט, קינדער, שלאָפן, — זאָגט ער, — איר וועט דאַרפן מאָרגן
אַרבעטן, א טאָג א יאָר.

---

און אַז אין שטעטל האָט זיך נאָכמאָל באַוויזן אַזא פאַרשווינדל,
ווי דער ערשטער, און נאָך מיט א הויסאָפּעץ: מיט א גראָבן שטעקן
אין דער האַנט, איז שוין אפן שטעטל גאָר אַן איבערקערעניש גע־
קומען. נישט לאַנג האָט ער געוויַילט, און באַלד נאָך זיַין אוועקפאָרן
האָבן אַסאַך יונגע קוידעמקאָל געלאָזט זיך וואַקסן די „גושיוועס" און
איינציקוויַיז אָנגעהויבן אַריַינצוקריכן אין בלאָע העמדלעך. און פלוצלינג,
פון דער העלער הויט, מע הייבט נאָך נישט אָן צו ווייסן, ווערט א
שטרייק בא איַיזיק פייגע־ליבעס... נאָר איין געזעל, איין אַקשן איז
געבליבן זיצן באַם וואַרשטאַט. ער האָט זיך איַינגעשפּאַרט; איז אַנטער־
געשפּרונגען א האַנט־יינגל אונטערן פענצטער מיט א גרינער פלאַש
נאַפט אין דער האַנט און האָט זי אים אָן קאָפּ צעבראָכן, און א
פוסטקע איז געוואָרן איַיזיקס שטוב. און די יונגע האָבן זיך אָנגע־
הויבן אין מאַרק אַרומצודרייען מיט די הענט אין די הויזן־טאַשן,
טאַטעס האָבן אָנגעהויבן נאָכצוזאָגן, מע זאָל גיין צו דער אַרבעט,
און מאַמעס האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכצודרייען, ווי די שאָטנס, הינטער
די פלייצעס און האָבן מיט פינצטערע פּנעמער געבעטן, געכאַליעשט,
נאָך, און בעט זיך ראַכמים: וואָס ווילסטו פון מיַין רעשט ביסל יאָרן
האָבן ?.... זאָלסט נישט נאָכגיין יעקל סטאָליערס קאָפּ. און זאָלסט מיר
נישט אָפּטרעטן פון לעבעדיקן גאָט! און טאַטעס און מאַמעס האָבן
גאָרנישט געהאָלפן, און דער סטאַרשער סטראַזשניק, מיט וועלכן איַיזיק

האָט געסטראשעט — אויך ניט, און מע האָט די יונגע געמוזט נאָכגעבן, פאַרקירצן דעם „ארבעטסטאָג"... און נאָך ניכער די יונגע זיינען אוועק צו דער ארבעט, זיינען שוין אנדערע ארויסגעקומען אָפּ זייער אָרט אויך מיט די הענט אין די הויזן־טאַשן, אויך געמאַכט רעדלעך און געהאַלטן זיך נאָר אין איין סוידעג... האָט זיך דאָס געשטעלט א זומער, אַז מע האָט דעם מאַרק ניט ליידיק געלאָזט אָפּ איין מינוט — נאָר שטרייקן און שטרייקן. עס האָט קיין איין פאבריקל ניט אויסגעמיטן. א פאַר־שלעפּטע קרענק. און אַז עס קומט א שאַבעס אינדערפרי, די זון שיינט, שטיפט די בעוורע אין גאַס ארום, אין די שאַבעסדיקע סאַקלעך, מיט אויסגעפּוצטע קאַמאַשלעך און ווייסע קעלנערלעך אָפּ די העלדזלעך. און אין שול איז שטיל, ווי אין א גאַניידן... דער שאַמעס קלאָגט זיך, אַז ער האָט קוים א מיניען. און יוינע דער סויפער, אַז ער גייט מיט זיין מיניען אהיים פון שטיבל און דערזעט די בעוורע אָפּ דער גאַס, באַפאַלט אים א גרויס טרויעריקייט און ער זיפצט אָפּ: ריבוינעשעל־ווילעם, איך פאַר מיין כיילעק בין זיי מויכל...

און נאָך דעם עסן מאַכן זיך ווייטער רעדלעך אָפּ דער גאַס, די „טשיינע" איז שוין־פול אָנגעפּאַקט, דער גאַרבער־פּאַכ — יידן שוין מיט בערד — זיינען אויך געקומען, מע זאָל זיי „פאַרטיידיקן" פון די קאַפּיטאַליסטנס הענט... זיצן זיי אַלע אויסגעזעצט ארום טיש און מאַטעלע, דער באַלעבאָס — אויבנאָן, אין קאַפּל אָפּן קאָפּ און מיט די בלויזע העמד־ארבל, האַלט ער זיך דאָס קינד אָפּ דער שויס, און טויבעלע דערלאַנגט עסן. טוט זיך דאָרט אָפּ א שטיקל וועלט — דער אוילעם ארום וואַרפט גליכוערטלעך, אַז מע האַלט זיך באַ די זייטן. א יונג פון א יאָר זעכצען שטייט באַ א טאַטן, וואָס האָט לאַכנ־דיקע אויגן, מיט צוגעשווירן בערדל, פעלט עס אויך ניט מער, נאָר מע זאָל עס א צי טאָן, זאָל עס אַליין לאַכן, — שטייט ער, דער יונג, „מעלקט" אים באַ א קנעפּל און טייניט עפּעס צו אים, גיט אים עפּעס צו פאַרשטיין, און ווען מע דאַרף, שאָקלט ער צו מיט די הענט, רעדט אביסל הייסער און גאָרעט אריין אין אים, דער טאַטע, וואָס שטעלט אַזוי די אויגן אויס, זאָל א שטיקל באַגריף קריגן... כאַפּט אָבער פונקט עמעצ אָן דעם פאָטער באַם אַקסל:

— יויעלקע, יויעלקע! — ביסט א שיין לייט, זע איך; דער זון לערנט גאָר ד י ך...

מעגסט דיך אפ אים פארלאָזן... — ווינקט דער טאטע מיט די ברעמען, און דער דאשעק ווינקט מיט.

— הער־זשע... — ציט דער זון דעם טאטן באַם בערדל. יענער אָבער לאָזט נישט אָפּ:

— און מיר יויעלקע, אין זײַנע יאָרן?...

— הא!...— טוט יויעלקע א הייב מיט דער האנט איבערן קאָפּ, — האָב איך שוין געהאט כאסענע געהאט... „זי" האָט שוין, דאכט זיך, מיר „געיאטלט" אויך... מיט אים טאקע... — ווינקט ער אפן זון.

— שײַע! — כאפט ווידער איינער אָן א צווייטן, וואָס זיצט מיט א ברייט סאמעטן היטל אפן קאָפּ און קוקט אין טיש אַרײַן, ווי אן אָקס אין דער קאָרעטע, — שייע! זאָלסט וויסן, אז אפ דיר איז געפאלן דער גוירל, זאָלסט אין דער מינוט אראָפּנעמען די לײַכטער פון טיש...

שײַע שווײַגט מיט א נארישן שמייכל ארום די גלאנציקע ליפּן און קוקט אפן אוילעם מיט קעלבערנע אויסגעגלאָצטע אויגן, צי עס איז עמעס... דער אוילעם האלט זיך אײַן נישט אויסצושיסן מיט א געלעכטער.

אנישט — ציט יענער ווײַטער מיטן שמייכל אין די אויגן, — אנישט זאָלסטו געבן א האלבן רובל אפ ביר.

שײַע שווײַגט ווײַטער — ביידע פּסאָקים[21] זײַנען שווער... און ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן, צי זאָל ער זיך צופּן באַם קליינעם בלאָנדן בערדל, צי זאָל ער זיך פריער קראצן אין א פּייע פאר גרויס אגמעסנעפּעש...

— וואָס שווײַגסטו? — מאכט זיך יענער בייז, — לאָז זיך דיר דאכטן, אז דאָס זאָגט דיר צאלקע מעשאמעש אין גרינעם שלאָפראָק און הייסט דיר שטעלן א פּאָר פלעשלעך ביר?...

— איך שעם מיך צו זאָגן...— ענטפערט שײַע און טוט זיך א שמייכעלע. דער אוילעם פּלאצט אויס מיט א געלעכטער.

— קאלב איינער דו, פארוואָס ביסטו אלײַן נישט אהער געקומען, נאָר מע האָט געדארפט צוויי מאָל נאָך דיר שיקן?

— איך האָב געוויגט דאָס קינד, — האָט ער קאם ארויסגעשטאמלט, און דאָס ארומיקע הילכיקע געלעכטער האָט זיך נאָך שטאורקער צע־קייקלט איבער דער שטוב.

און באלד האָט זיך א פעסעלע ביר באוויזן, מיט א מאשינקע, און דער אוילעם האָט גענומען טרינקען.

איטשעלע איז אויך אָנגעקומען, און אין שטוב איז נאָך פריילע־כער געוואָרן.

נאָך די ערשטע עטלעכע גלעזער ביר, אז די פענעמער האָבן שוין אביסל געפלאַמט, האָט איינער א פאטש געטון אין טיש אריין:

— קינדער! א טקיעס־קאפ[22] זיך געבן, די פאבריקאנטן, די הינט אָנצוזלערנע!...

— קינדער! — האָט א צווייטער א פאטש געטאָן, — עס וועט זיי די כאָלערע טרעפן, איינס בא איינס!...

— קינדער! — מאכט א דריטער, — אזא באנדיט, ווי מיינער איז, זעט מען ניט אזוינס!...

— גיי, גיי... א גארבער־פאבריקאנט איז גאָר עפּעס אנדערש... אזא באנדיט, ווי דער מיכל איז, — וואר איך וועל לעבן! דעם ווינטער, הערסטו, האָב איך דאָך געאַרבעט בא אים, וויל איך איינמאָל באנאכט נעמען א שטיקל שטעקעלע, וואָס איז געשטאנען אין ווינקל באם קוימען, — וויל איך עס נעמען אָפצויאָגן מיך פון די הינט, וואָרעם די צוויג זיינע האָבן געברענגט אָנצושלעפן א גאנצע „טשאטע" פאר דער טיר... וויל איך עס נעמען, גיט ער אוואדע א קום צו: ניטע!... און נעמט עס מיר ארויס פון דער האנט... דאָס ווייב, זאָגט ער, דארף עס פאר א „פאָמיאָטלע" דעם אויוון אויסצוקערן. איך האָב געמיינט, איך פאל אנידער... דו פארשטייסט אזוינס?... א מאראָכע[23], הערסטו, די צוויג האָט מיך געקענט, האָט זי מיך א גאנצן וועג גע־לעקט און די גאנצע באנדע האָט מיך אונטערגעפירט מיט דערעכע־רעץ! אנישט וואָלט איך צעריסן געוואָרן אף שטיקער!

— און איך, הערט איר, — טוט אן עלטערער מיט א שווארץ בערדל א פאטש אין טיש אריין, — איך שריי איין געשריי, אז אזוינס ווי מיינער איז? — האָ, האָ, האָ!... דאָס, ברידער, איז א כאָמיקל[24]... א שטילס, מיטן קעפל צווישן די אקסלען... דאָס שטעלט זיך דיר ארויס באלד באגינען פאר דער טיר אויסקוקן די ארבעטער. קום איך אנדערש דער ערשטער — ענטפערט ער מיר גוט יאָר... — וויבאלד — שפעטער, דרייט ער דאָס קעפל אוועק אין א זייט... נו, איז מען דאָך נאָר א מענטש, — מע טוט א קוק, ווי יענער ארבעטער האָט שוין היינט אָפגעטאָן א וועלט, ווערט מען טאקע געפלאַטשט בא זיך... וואָס־זשע טו איך? דערציייל איך אים א מייסע, אז באשער בעכיין,

דער און דער האָט זיך געהאַרגעט מיטן ווײַב, איז זיך די גאַנצע שטאָט צונויפגעלאָפן און איך אויך... אַזוי־נאָך, פאַר שטייט איר מיך... גאָרנישט, פאַר דאָס צומאָרגנס מוז איך שוין קומען מיט אַ האַלבער שאָ פריִער פאַר אַן אַנדערן און קריג שוין דעם ברייטן „גוט־יאָר"... און ער ווערט שוין מיט מיר אַ גאַנצער מעכוטן, דערציילט מיר פון זײַנע געשעפטן, אינדערמיט וואַרפט ער מיר אַרײַן, אַז בכיין, איך בין דער בעסטער אַרבעטער... און יענער־יענער טויג שוין הײַנט אַפּ אַ קאַפּאָרע! ווי קומט ער שוין מיט אים איבער צום סאָפּ זמאַן... און אַז יענער קומט, גיט ער אים אַ ווײַז אָן אַף די גרינגערע שטיקלעך בוקאַטן, קעדיי ער זאָל מיך קענען דעריאָגן און איך זאָל מיך נישט לאָזן... אַזאַ „סיבירניק"[25] איז דאָס...

מע מוז זיי אָנלערנען, מע מוז! — האָבן אַלע זיך אָנגערופן. — אַ שטרײַק, אַ שטרײַק!

און דאָס האָט שוין געהייסן אונטערגעשריבן די פּאַפּירן.

— און דו, שײַע־קאַלב, וועסט דאָך גיין מאָרגן צו דער אַרבעט — וועלן דײַנע ביינער צעבראָכן ווערן!

צומאָרגנס האָט מען פון רעב אויזער גאַרבער אַריבערגעשיקט נאָך יעקל סטאָליער. יעקל איז אהינגעגאַנגען.

---

רעב אויזער, אַ לאַנגער ייִד מיט אַ לענגלעך געזיכט, מיט אַ צווייִשפּיציקער באָרד איז געשטאַנען אין טאַלעס און טפֿילן מיט אַ זילבער־נער אַטאָרע[26] איבערן קאָפּ, וואָס האָט אים ביז אין דער העלפט לאַנגער נאָז פאַרדעקט. ער האָט געהאַלטן באַם לייגן די ראַביינו טאַמס טפֿילן, און ווי ער האָט דערזען יעקל סטאָליער, האָט ער אים אָנגעוויזן אַף אַ געבעטער שטול און געבעטן זיצן:

— נו, וואָס וועסטו זאָגן עפּעס גוטס?... — האָט רעב אויזער אָנגעהויבן, זיך אַ וויש טוענדיק מיט דער האַנט איבערן געזיכט און אויסלאָזנדיק באַם שפּיץ באָרד.

— וואָס זאָל איך זאָגן? — האָט יעקל געענטפערט מיט האַלב־אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, עטוואָס אַ הייב טוענדיק מיט איין אַקסל.

— מע זאָגט דאָך עפּעס, אַז דו האָסט די גאַנצע דייע... און ביסט נישט קיין נאַר אויך, זאָגט מען... וואָלט איך געוואָלט מיט דיר

איבערשמועסן, צי ס'איז גלײַך אזוי?... מײלע, איך ווײס, עפשער קומט עס מיר?...

— ס'איז נישט פאראנ, צי עס קומט יאָ, צי עס קומט נישט... אזוי פירט זיך אינ ווארשע אויך, אונ אפ דער גאנצער וועלט. אז מע שטרײַקט, שטרײַקט מענ...

— מײלע, שטרײַקנ איז שטרײַקנ — — אָבער וואָס האָבנ זײ מיר נאָך די גוייִם אויך ארויסגענומענ פונ פאבריק?

— וואָס דענ הײסט געשטרײַקט?

— ע, נישט דאָס מײנ איך... איך מײנ נאָר דאָס, ווי קומט מענ עס ארײַנ צו יענעמ באלד מיטנ געשלעג?... זײ האָבנ דאָך געכאפט אײַזנס אפ די גוייִם. צײַט איך לעב! — — מיטגעבערענגט נאָך מיכלס ארבעטער אויך צו מיר אפנ הויפ... אינ א קוטל־הויז[27] טוט זיך דאָך שוינ אזוינס ניט אָפ...

— וועד איז שולדיק, אז די גוייִם האָבנ נישט געוואָלט ארויס־גײנ אלײנ?

— הערסטו, דאָס שרײַ איך דאָך אויך, אז נאָר די ייִדנ... אינ שוך ארײַנ איז גוט צו גײנ מיט ייִדנ...

— אונ אינ קאמפ ארײַנ אויך...

— וואָס פאר א קראמפ ווײַטער? א, א, קאמפ... יאָ, יאָ... אינ „האצפיראָ" [28] טאקע שטײט עס פארשטראָכנ אינ רײַנגעלעך... נאָר אזוי צי אזוי. וואָס ווילנ זײ? — — זײַ־זשע מויכל, ווי הײסטו, ס'איז מיר גאָר אראָפּ פונ רײַענ, — האָט רעב אויזער געקנײטשט דעמ שטערנ, צולײגנדיק א האנט אונ ווײַטער אראָפּגעווישט מיט איר ביז איבער דער שפיצ באָרד.

— יעקל.

— יעקל?

— זײ ווילנ א קורצנ ארבעטטאָג. דאָס הײסט, פונ זיבנ ביז זיבנ, אונ אינדערמיט — צוויי שאָ רו...

— זײער פײַנ, זײער פײַנ... — צים רעב אויזער, — נאָר איך ווײס נישט, צי דו ביסט עפעס געניט אינ מײַנ ארבעט — — בא מיר אר־בעט מענ דאָך ניט קײנ יוכטנ, נאָר גרינגע לעדער „פאָדעשוואנע". אלקײנ, ביסטו דאָך נישט קײנ נאר... אויב זיך דארפ אמאָל, א צוויי

דרײַ ארבעטער זאָלן בלײַבן אביסל לענגער באנאכט, מאכמעס מע דארף איבערגלעטן מיטן רעדל, — וואָס טוט מען?...

— נעמט מען אנדערע מענטשן אפ באנאכט.

רעב אויזער האָט זיך פארטראכט.

— אזוי הייסט עס... איין זאך נאָר וואָלט איך געוואָלט וויסן, האָט ער זיך ווײַטער אָנגערופן, — כמיין מיט די ארבעטער טאקע מײַלע, וואָס איז שײַעך... ס'איז דאָך אזא זאך, וואָס טוט זיך אומעטום דאָס אייגענע, ווי דו אַלײן זאָגסט — אפ דער גאנצער וועלט... און מינאסטאמ שטעקן דאָך אין דעם מענטשן־קעפ... וואָלט איך נאָר געוואָלט וויסן, צי קוקט מען אמאָל אָפ יענעם מיימעד [29] אויך... אשטייגער, א זאך, וואָס קען ניט זײַן!.. אָט, ווי לעמאָשל, דו זאָגסט אצינד... קומט אויס, איך זאָל די גאנצע פאבריק אָפשטעלן... נו, מײַנע דײַגע, וועל איך נישט ארבעטן...

— שטעלט אָפ... — האָט יעקל צוגעשאָקלט מיטן קאָפ.

איך האָב פארגעסן, — מאכט ווײַטער רעב אויזער, — איך בין אזא נויגעש [30], כאָלילע, אפגן ארבעטער, וואָס מע גייט מיר אויסזעצן די מינוס... גוואלד געשריגן, זיי זײַנען דאָך נישט קײַן דאָקטוירים, זיי זאָלן מיר קוקן אפגן זייגער!.. וואָרעם וויאזוי באגיי איך זיך מיט אן ארבעטער... איך בין דאָך ניט קיין אנדערער — מײַן שיער [31] מוז איך מיר אָפלערנען אַלע אינדערפרי, דערנאָך גיי איך דאווענען, האָב איך שוין אוואדע נישט זיי אין זינען... ווער קוקט זיך אום, צי ארבעטן זיי, צי באלאמוטשען זײַ? וועמעס דײַגע? איך מיין טאקע אינדערעמעסן, ווער קוקט זיי נאָך! נו, איך בעט דיך זייער, קען מען אויסזעצן די שאָ?...

— עס קאָן אָבער אנדערש ניט זײַן.

— וואָרעם גלויב זשע מיר, אז מיר פלאצט אזוי אויך די גאל אכצן מאָל א טאָג, ווי אַלעמאָל לויפט אן אנדער אונטערן פלויט ארונטער, מיקלאָמערשט... פארשטייסט, פאר א טערעץ... און ווי וועלווע שלעפט זיך מיט דער קאן, טריט בא טריט, פון הינטער דער שאָפע צו דער ברונע צו, קען אויך דאָס בלוט געזעצט ווערן! איך וואָלט באדײַ דורכן פענצטער ארויסגעשפרונגען! אָנגעשעפט אים די קאן וואסער — נא דיר און גיי, אבי מײַנע אויגן זאָלן דאָס נויט ציקוקן... און דו דארפסט זען, ווי אַלע גיבן זיך מיטאמאָל א שטעל

אָפּ און ווּיקלען פּאַפּיראָסן! עס גייט זיך די גרינגע נאָך אָן... כאָפּ איך שוין אַרויס מײַן בּושקע מיט פּאַפּיראָסן און צעטייל — — —
וואָרעם פאַרוואָס? — — בּא מיר אַן אַרבּעטער איז אויך אַ מענטש, גלײַך מיט מיר... נאָר אַצינד, זעסטו, אַז זיי זײַנען שוין יאָ אַזוי, וועלן י בּא מיר גאָרנישט אויספּירן.
— האָבּ איך נישט וואָס צו זיצן, — האָט יעקל געזאָגט, אויפשטייענדיק פון שטול.
ער האָט פאַרקנעפּלט דאָס אייבּערשטע קנעפּל פון פּאַלטאָ, אַ זאָג געטאָן אַ גוטן טאָג און איז אַרויס פון שטוּבּ.

. . . . . . . . . .

און געווען איז שאַבּעס אינדערפרי, ווען איטשעלע האָט געזען, אַז היינט איז די ליבּע צײַט געקומען אָפּצורעכענען זיך מיט דער כעוורע קאַצאָווים̄ פאַרן געשלעג פון ערעוו פּייסעך, האָט ער צונויפגענומען אַ מאַכנע מיט יונגען און איז אַרײַן אין קליינעם שולכל, ווו די כעוורע קאַצאָווים דאַווּנט באַגינען. האָט דער אוילעם געהאַלטן אינמיטן „אל אדון". [32] און ווי זיי האָבּן דערזען די באַנדע, איז זיי וואָרעם געוואָרן אין די לײַבּער און האָבּן אַרופגערוקט די טאַליסים העכער איבּער די קעפּ. געמאַכט זיך פאַרטיפן אין באַל־טפילעס קאָל און נאָכגעזאָגט וואָרט בּא וואָרט מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם... און דערווײַל האָט כעוורע געפינקלט מיט די אויגן און געזוכט עפּעס אַן אָנהייבּ. בּיז איטשעלע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו זעליק שינדער, דעם שטאַרקסטן קאַצעוו, און איז אים פאַרפאָרן צווישן די אויגן, אַז עס האָט אַ הילך געטאָן! דאָס גאַנצע שולכל איז פאַרגליווערט געוואָרן און שטיין געבּליבּן מיט אָפענע מײַלער און אויסגעגלאָצטע אויגן. און באַלד איז געוואָרן אַן אויסגעשטרעקערײַ פון הענט צו די הענגלײַכטער, און עס איז געוואָרן אַ געפליקערײַ פון עפּעס (רערן), אַז מע האָט געמיינט דאָס גאַנצע שולכל קערט זיך איבּער, און כעוורע זײַנען באַלד אַרופּ אַפּ טישן און בּענק און עס האָט זיך אָנגעהויבּן אַן אויסגעמישערײַ און אַ געדרייערײַ פון הענט איבּער קעפּ און קעפּ איבּער הענט, מיט אַ געשטיקערײַ און רײַסערײַ און אַ מין ווילד אַרומכאַפּן זיך, מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם. און מע האָט מער נישט געהערט, ווי דאָס שאָרכן פון די הענט, וואָס האָבּן זיך געהויבּן איבּער די קעפּ, און דאָס שאָרכן

פון די טאַליסים, וואָס האָבן זיך דערצווישן געפֿלאָנטעט. און איינער דעם אַנדערן און אַלע אינײנעם האָבן זיך געריסן, געשלעפּט בײַ די קעפּ, געשטיקט און געבערעט מיט די אויגן, מיט אַ ווילדער אָנגעצונדענער טײַווע, איינער דעם אַנדערן אין די העלדזער אַרײַנצוקריכן, און פּלוצלינג האָט עס אַ קנאַק געטאָן איבערן גאַנצן שולכף: מיט אַן אימפּעט פון אַ געוואָרפענער, צערײַצטער כײַע, האָט אַרויסגעריסן אַ פוס פון שולכן, און מע פּאַרט שוין מיט אים איבער קעפּ. עס ליגט אַ יונג אַף זעליק שינדער איבער דעם ברייט טיש אַריבערגעבראָכן, און דריקט אים באַם האַלדז, אַז דער קאָפּ פּאַרײַכט זיך איבערן קאַנט פון טיש, עמעצער אין אַ טאַלעס ליגט און מע קנאַקט צו מיט די פּיס. אַ גאַנצע קופּע האַלטן זיך צוזאַמען בײַ די קעפּ, אײַנגעטיפּט און אײַנגעביסן מיט די הענט און מיט די ציין איינער אין אַנדערן, איינער אין אַנדערן, און די גאַנצע קופּע, די שווערע, צונויפגעקיפּלטע, אומגעלומפּערטע, קופּע, האָט אויסגעזען ווי איין גרויסע כײַע מיט טויזנטער ריִרעוודיקע גלידער, וואָס גראָבט און אַמפּערט זיך און רוקט זיך און שלעפּט זיך איבער אַלע ווינקלען. טייל זײַנען געפֿאַלן און האָבן זיך נאָכגעשלעפּט מיט אײַנגעגראָבענע הענט און פּיס אין טאַליסים, געשלעפּט און געפֿאַלן, געפֿאַלן און געשלעפּט, און ווײַטער זיך אײַנגעגראָבן איינער אין אַנדערן, איינער איבער אַנדערן, און אַלע אינײנעם, ביז עס האָבן זיך שוין אַ פּאָר קרעכצן, ווי פון באַהאַלטענע ווינקעלעך אַרויסגעריסן. נאָך אַ ניצאָכן און נאָך אַ ניצאָכן, און די הענט איבער די קעפּ און דאָס וואַרפן זיך איינער אין אַנדערן און איינער איבערן אַנדערן האָט אָנגעהויבן צו גיין רעגלמעסיקער, גלײַכגילטיקער, נישט געזוימט און נישט געאַמפּערט, נאָר געהויבן די הענט און אַראָפּגעלאָזט, געהויבן און אַראָפּגעלאָזט. אַ שטויס אַהין, אַ שטויס אַהער. אין ווערכע עס האָבן זיך בײַ די האָר געריסן, האָבן זיך שוין גלאַט געהאַלטן, ווי פּאָר אַ מאַשקן נאָר... מע האָט געשפּירט, ווי דער אײַנגעהאַלטענער אָטעם האָט שוין נאָכגעלאָזט, ווי די לופּט איבער די קעפּ פאַרכאַפּט שוין נישט אַלץ מיט אַ פאַרשלינגענדיקן אָטעם, און האָט שוין אַ ציטער געטאָן, ווי אַרום אַ דרייידל, וואָס האַלט שוין אין פאַלן... און פּלוצלינג, אין אַלע ווינקעלעך אַף איינמאָל, זײַנען אַלע פּנעמער שטיין געבליבן, ווי אָפּגעשמועסט זיך,

מיט אראָפגעלאָזטע הענט און געקוקט זיכ אינ די אויגנ ארײַנ, ווי פרעגנדיק זיכ, וואָס דאָ איז געווענ... עס האָט אויסגעזענ, אז מע וועט זיכ באלד פארווּנדערט צושאָקלענ מיט די קעפ... נאָר אײנער באמ אנדערנ האָט שוינ דערזענ דאָס בלוט אפנ פּאָנעמ און איז צו זיכ געקומענ... נאָכ א מינוט, און איטשעלע איז שוינ געשטאנענ, ארומגערינגלט מיט זײַנ כעווריע, בא דער טיר, נאָכ מיט דעמ פוס פונ שופכנ אינ דער האנט, אינ גאָלנ קאָפ, די האָר צעשויבערט, און געקוקט מיט א מידנ־שמייכל אפ די פארברענטע ליפנ צומ אויפעמ אינ די אָפגעריסענע טאלייסימ. עמעצער האָט אימ דאָס היטל דערלאנגט, האָט ער עס אָנגעטאָנ, ארויסגעלאָזט דאָס האָלצ פונ דער האנט און איז ארויס מיט דער גאנצער כעווריע אפ דער גאס, מיט צעקרעלטע פּענעמער; די היטלענ און די האָר צעקנוידערט, די הענט פארבלוטיקט.

דאָ האָט מענ באגעגנט יעקל סטאָליער און ארומגערינגלט אימ מיט א פרייד אפ די צעריסענע פּענעמער. זײַנ בלאסלעכ געזיכט האָט אויכ געשמייכלט, קוקנדיק אפ זײַנ יונגנ כאיִל: עס שאדט נישט אמאָל „טעראָר" אויכ, — האָט ער גוטמוטיק מיטנ קאָפ צוגענייגט.

האָבנ זיכ אָבער פארנאכט, אפנ שול־הויפ, די קאצאָווימ מיט די פורמאנעס געמאכט איינ האנט, אז ווי מע וועט פאקנ אנ אכדעסמאנ, זאָל מענ אימ א זײַט אונטערהאקנ. האָט דאָס גאנצע שטעטל זיכ געשראָקנ: מיעדייע, וואָס דאָ קענ נאָכ ארויסקומענ... ווי אָבער עס איז געקומענ נאָכ די ווארשעווער „יאודע", האָט מענ גאָרנישט אָנגעהויבנ צו וויסנ, פונוואנענ און פונ וואָס, זײַנענ די פורמאנעס צוריקגעקומענ מיט ליידיקע וועגנ. מיט געשוואָלענע קעפ און צעהארגעטע פּענעמער, אז מ'האָט קיינ אויגנ נישט ארויסגעזענ. דאָס האָט מענ זיי שוינ אינ „זאיאזד" אזוי צורעכט געמאכט און ארויסגעטריבנ מיט די ליידיקע וועגנ. האָט דאָס גאנצע שטעטל די קעפ אראָפגעלאָזט. און מענדל לייזערס, דעמ שניט־סויכער האָט מענ א מעסער פארוקט אונטערנ אָרעמ — האלעוויי זאָל ער די נאכט אויסהאלטנ.

האָבנ ווײַבער אָנגעהויבנ צו שעלטנ שטילערהייט, מיט ארופגעלייגטע הענט אפ די מײַלער. מענער זײַנענ ארומגעגאנגענ אָנגעבלאָזנ, און דאָס יונגווארג האָט די קעפ אופגעהויבנ און געקוקט יעדערנ מיט א שמייכל אינ די אויגנ ארײַנ...

מע האָט אָנגעהויבנ צו מאכנ א'ע פארנאכט פארזאמלונגענ הינ־

טערן בעסוילעם, אָדער הינטערן „צמענטאזש" [33] און זעליק שינדער מיט נאָך קאצאָווים און באַלעגאָלעס, גאנצע רייקים [34] — מיט גרינע גארטלען, האָבן זיך אויך אָנגעהויבן נאָכשלעפן נאָכן יונגווארג אפ די פארזאמלונגען, מיט אראָפגעלאָזטע קעפ און האָבן געביסן די שפּיצן פון די בלאָנדע בערדלעך — הייסט עס, אז זיי ווילן זיך אויך איינקויפן אין די כעוורע „אכדעס"...

ווערט אונדזער שטעטל מיט איר גרויסער קראפט און שטארקער באוועגונג באוווּסט אין אלע שטעטלעך ארום און ארום און עס קריגט שוין קאָמוניקאציע מיט שעדלעצ און מיט ראדאָם אויך... גייט נישט אוועק די וואָך, וואָס עס זאָלן ניט אדורכפאָרן א צוויי, דריי פון יענע פארשווינדלעך.

דעם סטארשע סטראזשניק איז צו דער שווערד נאָך צוגעקומען א רעוואָלווער אפ דער זייט... און די טאנדיים־שניידער. וואָס האָבן ביז אהער ניט געוואָלט צושטיין צו די אכדעסניקעס, האָבן זיך אופגעהערט אקעגנצושטעלן און אויך געמוזט מאכן א שטרייק, אזוינס, פאר וועלכן זיי, האָבן זיך די יאָר און די טעג פארשאָלטן. זיי האָבן געמוזט אופהערן צו נעמען ארבעט אהיים. געמוזט נעמען די מאשינעס אפ די פּלייצעס און איבערטראָגן צו די טאנדייטער, צו די באלעבאטים אין שטוב אריין, ארבעטן. האָבן זיי געזיפצט. טאטעס האָבן זיך שטיל געקלאָגט: מע האָט מיט א מיידל א שידעך צו טאָן, עס דארף קומען א כאָסן, א מעכוטן אין שטוב אריין, און דאָ האָט מען אפילע דאָס מאשינדל אויך ארויסגעטראָגן...

אזוי איז עס געגאנגען א טאָג אום א טאָג און, אז א מאמע האָט געדאָרפן א קינד איינצושלעפן, האָט זי געסטראשעט: „שלאָף, וואָרעם איך גיי רופן די שטרייקער"... אז צוויי זיצערקעס אין מארק האָבן זיך געקריגט, האָט איינע דער צווייטער א מוירע געמאכט: „נו, נו — איך וועל א זאָג טאָן מיין כאַוועלען וועט מען דיר שוין דאָס מולטערל איבערדרייען"... און אז איינער א יונג, וואָס האָט א גאנצ יאָר א ליבע געפירט מיט א כסידיש מיידל — זומער הינטערן בעסוילעם און ווינטער אפן אפטייקערס גאניק, אכוץ בריוועלעך, וואָס ער האָט געשריבן צו איר, וואָס „צייכנט זיך מיט איר טייערן „נאָמען" פייגעלע גרינבלאט", האָט ער אצינד שוין ארויסגעשטעלט דעם

פּאַטער אירן א פּאַדערונג, ער זאָל אים געבן די טאָכטער... און איי־
נער א פּינטשעלע, וואָס האָט זיך געדעכנט צו די אכדעס־לייט, האָט
קיין ארבעט נישט געהאַט, אָדער נישט געוואָלט ארבעטן און האָט
זיך דערווייל געכאַפּט צום האנדל, אופּצוקויפן וואָס א דאָרפס־ייִד
ברענגט אין שטאָט אריין — א פור אויבס, דאָמב, אָדער האָניק־קווע־
טשעכץ, — האָט פּינטשעלע, וויבאַלד מע האָט אים נישט געוואָלט
פּארקויפן, געדארפט צולייגן א פינגער צו דער נאָז, געבנדיק אָנצור־
הערן, אז, אז... איז שוין געגנוג געווען. און טאָמער האָט זיך דער
ייִד אויסגעלאַכט, האָבן זיך מענטשן בא די קעפּ אָנגעכאַפּט: ייִד,
וואָס טוט איר?... איר שעכט זיך אָפּ, איר וועט זיך נישט טאָרן אין
שטאָט ארייַן וויַיזן... און ביסלעכוויַיז, אז איינער האָט געהאַט אָפּ
דעם צווייטן א שווער ביטער הארץ, איז מען טאַקע געקומען אין
„טשייַנע" אריַין אָפּ א קלאָג. און יעקל סטאָליער האָט א וויכ הארץ,
קען ער נישט צולאָזן קיין „אומרעכט" און זעט זיך צוצובויגן, עס
זאָל נישט געשען קיין אוולעס. און אז יעקל זיצט בא דעם טישל אין
אנדערן כיידער, געפינען זיך שוין ארום אים א פּאָר יונגען — כעווערליים,
בא דער זייַט שטייען א פּאָר פרעמדע מענטשן, נישט פון היגעדיקן
רייַסטער [35], נאָר וואָס זייַנען גלאַט געקומען מיט א באקאָשעלע א קליינס.

— וואָס האָט איר געוואָלט? — פרעגט יעקל א ייִד, וואָס האָט
זיך שוין א לאנגע צייַט בא דער באָרד און צאפּלט מיט די אויגן
צו אים, אז דאָס היטל מיט דער יארמלקע לאָזט זיך אים אזש
אָפּ א זייַט אויער אראָפּ.

— יעקלשי... — בייגט זיך אים דער ייִד איבערן אויער, — איך
האָב מיר געוואָלט א פענצטער אויסשנייַדן אין הינטערגעסל אריַין.
האקלאל — מיטן סטארשע סטראזשניק בין איך שוין אדורכגעקומען...
האָב איך אָבער מוירע פארן שאָכן. ער זאָל נישט קריכן אין קייַן
העכער אָרט אריַין... בעט איך דיך, יעקלשי...

— נו, נו... — טוט יעקל א שאָקל מיטן קאָפּ, אויסשטעלנדיק צוויי
גוטע טויבן־אויגן, און דער ייִד וואָלט שוין געגאנגען שווערן אין
טאלעס און קיטל, אז עס איז קראנט... [36].

— און וואָס האָט איר פארלאנגט?... ווענדט ער זיך וויַיטער
צו א יונג ווייַבל, א בלוט־און מילך, וואָס איז געשטאַנען אין א
זייַט, אייַנגעהילט אין א פּאטשיילע.

— איך בין פון סטאָצק... — הייבט זי אָן שעמעוודיק, מיט אראָפּ־געלאָזטע אויגן, האָב איך א מאַן, א כאָסיד... נישט צו גאָט און נים צו לײַט... איך בין א_נייטערן און מוז נאָך אים געבן צו עסן, קען נישט זײַן צווישן אונדז קיין לעבן... יאָג איך מיך מיט אים ארום שוין אָנדערהאלבן יאָר וועגן א געט — איז אָבער בא אונדז אין שטעטל נישטאָ קיין טײַך, וואָס זאָל האָבן א נאָמען... און מיטן פּאָרן אין אן אנדער שטאָט אריין שלעפּט ער אָפּ... און איך האָב מיך נישט צו וועמען צו ווענדן... נישט קיין פרײַנט און נישט קיין קרויוים...

דאָס הערט שוין יעקל—אויס מיט מער אופמערקזאמקײַט. עס געפעלט אים זייער, וואָס זי איז א נייטערן — זי „פּראָדוצירט"... איז א נוצלעכער גליד אין דעם „געזעלשאפטלעכן אָרגאניזם"... און ער פרעגט זיך אויס איינציקווייז, צי זי איז עפּעס א באלעזענע, און דעריקער, צי קען טאקע נישט זײַן קיין לעבן צווישן איר און דעם מאַן. און אז ער זעט אײַן, אז זיי זיינען „צוויי פארשיידענע וועלטן", שאָקלט ער איר אויך צו מיטן קאָפּ... און די כעוורע יונגען, וואָס שטייען דערבײַ און קוקן זיך אײַן מיט אָפענע מײַלער און אויגן: אין דעם ווײַבלס געדויטלט געזיכט, דערהיצן זיך, די מענטשעלעך אין די אויגן הייבן אָן צו גלאנצן, און זיי לייגן איר פאָר, אז זיי קענען טאקע באלד מיט איר מיטפאָרן מעקויעך דעם אייסעק.

טיילמאָל פאלט אויך אריין מיט א אימפּעט א יידענע מיט א פארדרייטער קופּקע, א צעפלאמט געזיכט, פײַערשפּריצנדיקע אויגן, און האלט אויסגעשטעלט צוויי הענט מיט לונג...

— זעט, מענטשן־קרוין — ציטערט זי אוש — מע נעמט, מע בינדט מיר אָפּ די קאַץ, אָפּ צעלאָכעס, זי זאָל מיר די לונג פון קוישל ארויס אופרעסן און די רעשטע אין זאמד אויסנאָרען!... — קלאָגט זי זיך אָפּ די שכיינים.

און אז יעקל שווײַגט, רעדט זי זיך כאָטש פון הארץ אָפּ, ווערט אויך א קאפּ לײַכטער...

יעקל הערט אלץ אויס, נעמט אלץ צו, און דערפאר האָט אים דאָס שטעטל ליב געקראָגן. מע רופט אים שוין הינטערוויילעכס „רעב יעקעלע דײַען"... און אין די אויגן לויבט מען אים אין טאָג אריין פאר זײַן גוטסקײַט, פאר זײַן כאָכמע... אפילו באם סטארשע סטרא־

זשניק אין די אויגן האָט ער אויך נויסעכיין געוועג: „יעווּרעיסקי קאָראָל" רופט ער אים. און דער „סודיא", וואָס קומט צו פאָרן איין מאָל אין כוידעש אף א פּאָר טעג, אָפּצופּארטיקן די היגע לאָדענישן, קען זיך גאָרנישט אָפּוואונדערן, וואָס פאר א פיינן שטעטל דאָס איז געוואָרן, אויס פראָשעניעס, אויס אלץ...

---

נאָר איינער איז שטארק בארויגעז אף די אלע מייַסעס. דאָס איז דאָווידל ראָזענצווייַג. דאָס איז א ייִדל א ריירעוודיקס מיט לויפנדיקע אייגעלעך, מיט ניין מאָס רייד, שפּרינגט באַם רעדן אין די אויגן אריין, כאפּט זיך מיט הענט און מיט פיס אף יענעם.

ער איז אויך א געמאָרע־קעפּל, ווען מע דארף, אן אייצע געבער און א שטיק אדוואָקאַט.

עס קומט אריין א ייִד מיט אן אייסעק, גיט ער באלד א דריי ארויס דאָס ברענענדיקע לעמפּל, וואָס שטייט אפן טיש—אונטער א בלויער שיין, שפּרינגט צו צום ספּאָרים־שענקל, כאפּט ארויס א סייפער מיט דראָבנע אויסעלעך און ציפערן בא די זייַטן — בלעטערט, בלעטערט און טוט זיך א שטעל אָפּ אף איין אָרט מיט לויפנדיקע אייגעלעך איבער די שורעלעך, א לייג צו א האנט צום שטערן, א וויש אראָפּ ביז איבערן קליינעם בערדל און באלד צוריק א הייב אוף דעם קאָפּ: א — הום... זעצ דיך, זייַ זשע מויכל — טוט ער פלינק א וואָרפּ איבער מיט די אייגעלעך אף א ליידיקער שטול, — אזוי, פארשטייסטו מיך... עס איז אפילע א פארפלאָנטערטער אייסעק, נאָר מער נישט, ביסט דאָך געקומען צו מיר... וועט מען זען אן אייצע... קוידעמקאָל, פארשטייסטו מיך, איז א פראָשעניע, און טאקע באלד מיט דער סטאטיא „טשיסטא טריסטא סאָראָק פיאט"[37]... וואָס איך האָב דאָ ערשט טאקע אופגעזוכט עקסטרע פאר דייַנעטוועגן, פארשטייסטו מיך... און אזוי, פארשטייסטו מיך, וועט עס שוין גיכער זייַן אין אָרדענונג...

— יאָ, יאָ... דאָווידשי, — שמעלצט זיך דער ייִד אין אים פאר נאכעס, — איך וויים, א געמאָרע־קעפּל...

און דאָווידל ראָזענצווייַג גיט באלד א קלונג אָן א ביינערן מויערקעפּל אפן טיש און עס קומט אריין צו פליען א זונדל, א

פאצעטל, א האָזל מיט אופגעשטעלטע אויערלעך און האלב צוגעמור־זשעטע אייגעלעך:

— וואָס פארלאנגט דער פאָטער ?...

— נעם נאָר געשווינד די פעדער אין דער האנט אריַין... „יעוואָ״ אזוי און אזוי, — טוט דאָווידל ראָזענצוויַיג א דיקטיר, און דאָס זונדל, וואָס זיצט שוין מיט דער פעדער איבערן פאפיר, מאכט א געדרייעלע מיט א ריצ, און די פעדער הייבט אָן סקריפען צוטאנצנ־דיק, און דער פאָטער דיקטירט וויַיטער, ארומגייענדיק איבערן צי־מער אינעם ציצענעם שלאָפראָקל:

— אזוי ווי דער „לעווי גרינשטיין״ האָט מיט „מענאשע כומערנ״ אזוי און אזוי.... לאָכיינ, — „פאָעטאָמו״, הייסט עס, האָב איך גרויס „טשעסט״, און אזוי וויַיטער, די סטאטיא — די און די...

פארטיק. דער ייִד כאסמעט אונטער... עס וועט שוין זיַין גוט!..

קומט וויַיטער אריַינצוגיין דעם אייגענעמס באלדאָוועַר, דער „לע־ווי גרינשטיין״ און בעט אים אויך דאָס אייגענע: דאָווידשי... קרוי־נישי... טוט ער וויַיטער א כאפ דעם אוסטאוו און געפינט פאר אים אויך א טשיסטא־טריסטא, נאָר שוין סאָראָק שעסט... און עס וועט אויך זיַין אין אָרדענונג...

אָט דעם פארשוין האָבן די אלע מיַיסעס פון יעקל סטאָליער נישט געקענט געפעלן. ער גייט ארום מיט א פינצטערן בליק. און דערזעט ער יעקל סטאָליער אפ דער גאס, זעט מען באשיַימפערלעך, ווי דער מענטש ווערט גרין און געל...

יעקל אָבער האָט זיך געטון דאָס זיַיניקע, אלע טאָג זיך אריַינ־געכאפט אפ א פאר שאָ אין דער טשיַינע אריַין און „אָפגעקאשערט״ אלע „דיעלעס״, שטעטישע און פון דער סוויוע... און עס גייט שוין אין נאָמען פון דער „אָרגאניזאציע״... די אָרגאניזאציע — הייסט עס — האָט באשטימט, און מע ווייסט שוין וועמען מע מיינט... עס קומט אריַינצוגיין אין טשיַינע דער אייגענער פינטשעלע טאקע, וואָס שרעקט די דאָרפס־ייִדן און דערציילט יעקלען א מיַיסע, גלאט אין דער וועלט אריַין, פון זיַין ציידן, וואָס עס קומט אים טויזנט גילדן בא איינעם, לאָזערן, וואָס האָט דאָס געוועלב... מיינט יעקל, אז ער דערציילט אים גלאט א מיַיסע, און פינטשעלע פוילט זיך נישט טא־קע באלד אריבערצוגיין צו לאָזערן אין געוועלב אריַין:

— זאָלט איר וויסן, רעב לאָזער, די אָרגאַניזאַציע האָט באַשטימט, איר זאָלט אוועקגעבן מײַנע זיידנס די טויזנט גילדן...

— קינד, — הייבט יענער אָן צו בעטן, — דו ווייסט דאָך נישט די גאַנצע זאַך, ס'איז דאָך שוין אַ מײַסע פֿון אַ יאָר פֿופֿצן צוריק, דײַנע זיידע איז נאָך געווען דעמאָלט אַ „פּשיסטעוועצע"... האָט ער מיר געבראַנגט פאַרלעגערטע סכוירע, אַ קעסטל פֿלוימען — הוילע שימל... האָב איך זיי נישט געוואָלט צונעמען, אָבער כ'האָב דאָך מיך באַלד פאַרגלײַכט מיט אים...

ענטפֿערט פּינטשעלע:

— אַנישט וועט מען קישקעס שלעפּן אינמיטן דער גאַס!?...

און כאָטש פּינטשעלע איז באַלד אוועק, אָבער דאָס וואָרט „אָרגאַניזאַציע" איז געבליבן... דער ייִד ציטערט, דאָס ווײַב איז שוין גרין און געל.

און טאַקע דעם אייגענעם פרייטיק, נאָכן מערכעץ, ווען לאָזער איז אינדערהיים געזעסן איינער אַליין, דאָס ווײַב מיט די קינדער זײַנען אין געוועלב געווען, די כאַלעס זײַנען שוין געווען געגרייט צום טיש, מיט אַ ווײַס טישטעכל איבערגעדעקט, דאָס גלעזל פֿון לאָמפּ מיט דער רויטער פּאַטשיילע לאָזערס איז שוין אויך געלעגן גרייט אויפֿן טיש, און ער, לאָזער, האָט דערווײַלע אַ גלעזל טיי געטרונקען, דערזעט ער, ווי די טיר מאַכט זיך אויף שטילערהייט און אַ שטיל קעפּל מיט סוידעס אין די אויגן, פּינטשעלעס אויגן, קוקן אַרײַן... ווערט אים נישט גוט... דאָס בלוט האָט אים האַסטיק אַ שלאָג געטון אין פּאָנעם אַרײַן, די אויגן האָבן אָנגעהויבן צו גלאָצן, די האַנט צו ציטערן מיט דעם גלעזל טיי, און טוט זיך אַ קער אום פֿון שטול אַראָפּ, בלײַבנדיק ליגן אַ קנויל... פּינטשעלע שפּרינגט צו מיט צעמישטע אויגן און מאַכט אַ גוואַלד, כאַפּט אַ שעפּ וואַסער, שפּריצט אויפֿן געזיכט, רייסט און שרײַט, ביז עס איז געקומען אָנצולויפֿן אַ פֿולע שטוב מענטשן. עס האָט זיך געמאַכט אַ געשרײַסערײַ, אַ געכאַפּערײַ און אַ געפּילדער, אַלע מיט איבערגעבויגענע צעמישטע פּענעמער, מע פֿאַלט איבער לאָזערן, מע האָט אים באַ די שלייפֿן געריסן, גוואַלדן געמאַכט און ניט געקאָנט אים דערמינטערן. גיט מען אַ גאָס אַ גאַנץ גלאָז קאַלט וואַסער אין פּאָנעם אַרײַן, רײַסט ער אויף די ברעמען, אין די אויגן שנײַדט זיך אויס אַ שאַרף גלאָצן

און ער מאכט זיי צוריק צו. דער דאָקטער איז געקומען, צעיאָגט דאָס רעדל, געהייסן א פענצטער אופמאכן און האָט אים באטראכט. ער ליגט אינמיטן שטוב אויסגעצויגן. דאָס געזיכט שטארק געל, און אלע ווײַלע דאָס אייגענע גלאָצן מיט די אויגן... דער דאָקטער האָט א דריי געטאָן מיטן קאָפּ און שטיל געבליבן. ער האָט אים דעם דויפעק געהאלטן, קראָפּליעס געגעבן און דערנאָך געהייסן אים אפן בעט ארופלייגן. צום אוועקגיין האָט ער געזאָגט עטלעכע מענטשן שטילערהייט הינטער דער טיר: „טאק, טאק[39]... אפּאָפּלעקסיא”... און אויסשפרייטנדיק די הענט, האָט ער א קוועטש געטון מיטן קאָפּ צווישן די אקסלען...

און אזוי איז טאקע געווען...

דערווײַל הערט זיך נישט קיין פריילעכס אין ווארשע, ווי אויך פון אנדערע גרויסע שטעט — באקו ברענט... טאָטערן שעכטן מענטשן אין די גאסן. און דאָ, שמועסט מען, זאָל זיך אויך עפּעס נײַעס מאכן „דעם זונטיק”...

און דער זונטיק איז געקומען.

פויערים פון ארומיקע דערפער, מיט די גרויע סערמיינגעס, גראַ־נאטענע היטעלעך, גלאנצנדיקע דאשקעס און שטיוול מיט הויכע קנאפל זײַנען אָנגעקומען מיט רויטע, צעהיצטע פּנימער און אָנגעהויבן די שטאָט צו פארפלייצן. גאלאָכים פון נאָענטע „פּאראפיעס” [40] זײַנען אויך אהער אָנגעקומען מיט זייערע מאכנעס. דאָס געזאנג אין קלויס־טער, די פארזונקענע טענער פון אָרגל האָבן זיך פון הינטער די הויכעדיקע ווענט ארויסגעריסן און צעגאָסן זיך איבער די שטיפע דעכלעך פון שטעטל, און צעוויגט זיך אין דער לופט און אָנגעפילט זי מיט שרעק.

און אינמיטן טאָג איז מען ארויס אפן ארומגעצוימטן הויף ארום קלויסטער—פריער מיט א הייליק בילד מיט א גאָלדענער קויל אפן דעם שפּיץ, און דאָס האָט א בליץ געטון אקעגן דער זון מיט מי־ליאָנען גאָלדענע שפּיזלען, פלוצלינג א שפּראָץ געטון און די אויגן פארכאפּט. דערנאָך א פאָן מיט א ווײַסן איינקעפּיקן אָדלער. האָבן אלטע לײַט געזאָגט, אז דעם אָדלער האָט מען שוין ניט געזען א יאָר דרײַסיק. נאָכדעם איז געגאנגען א פאָן מיט רויטע און ווײַסע בענדער, און נאָך איינער, ווײַטער, מיט אן אויסגעמאָלט צעטל—אויך

אזא בילד א היליקס. און די פענער האָבן געפלאטערט אינדערהייך
איבער דעם מויער ארום קלויסטער און האָבן האקאָפּעס געמאכט
לאנגזאם ארום דער וואנט, און א שטיל איינגעהאלטן געזאנג האָט
זיך געהערט, ביסלעכווייז האָבן זיך די פענער דערנעענטערט צו די
אָפענע טויערן, און דערזען האָט זיך א מאכנע פענעמער א ריי־
רעוודיקע מאכנע פון פענעמער איבער פענעמער און אקסלען איבער
אקסלען. גויים אין די גאָלע קעפּ, פויערטעס מיט רויטע און ווייסע
פאטשיילעכלעך ביז אונטער דער גאָמבע האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך
די ענגע טויערן און געלאָזט זיך מיט די פענער פאָרויס איבערןברייטן
זאמדיקן וועג, וואָס ציט זיך אין גרינעם פעלד אריין. אקסלען און
סערמינגעס און קעפּ איבער קעפּ הייבן זיך און רודערן, איינס נאָכס
אנדערע, איינס נאָכן אנדערן, אלץ ווייטער און ווייטער. און פון די
אָפענע טויערן קומען אלץ ארויס נאָך און נאָך פענעמער, עס ווערט
זיך, דאכט זיך, גאָרנישט אויסלאָזן. און א לייכטער שטויב האָט זיך
אונטער די טויזנטער באוועגלעכע טריט דערהויבן מיט א שטיף נאָכ־
שאָרכן פון א יאמ גראָע סערמינגעס און בלויע געשטרייפטע „כוקענ־
קעס". און דער אוילעם האָט ווייטער גערודערט. קעפּ איבער קעפּ,
אופ און אָפּ, אופ און אָפּ, ווי די וועלן איבער א לאנגן שטראָם.
די פענער פלאטערן. פאָרויס גייען די גאלאָכים, מיט בלאסלעכע רונ־
דיקע געזיכטער, אָנגעטון אין די ווייסע העמדלעך און קאנטיקע
שווארצ־סאמעטענע מיצלעך איבער די קלאָרע שטערנס; הינטער זיי —
דער נאראָד, א טויזנטיקע מאכנע, א שווייגנדיקע און אונטערטעני־
קע, וואָס ציט און ציט מיט שטילע אראָפּגעלאָזטע געזיכטער אונטער
אן איינגעהאלטן, טיף געזאנג. און ווייט, ווייט ציט זיך די לאנגע
שווערע מאסע נאָך יענעם עק נאָך, ווו די פענער ווייען און קאש־
פערן נאָך זיך אין גרינעם פעלד אריין. און איבערן בארג, ווו מע
נעמט געל זאמד צו דער פאָדלאָגע לעקאָוועד שאבעס, האָבן זיך
אָנגעהויבן ווייבער און מיידן צו באווייזן. און יידן באלמעלאָכעס
מיט די נאקעטע העמד־ארבל זיינען אויך ארויסגעקומען א קוק טון:
אבי, געלויבט צו גאָט, מע מיינט נישט זיי... און ווייבער האָבן אויך
גאָט געדאנקט פאר דעם כעסעד, וואָס זיי זיינען נישט ווערט, און
האָבן אויך גוטווייליק נאָכגעקוקט דעם האמוין, וואָס האָט זיך געצויגן:
ואָל זיין פענער... זאָל זיין א האָלץ, א שטיין, א ביין, אבי מע זאָל

יידישע קינדער לאָזן געמאַכט. און ווײַט זײַנען די בלאָע הימלען אָפּן געשטאַנען. איטשעלע און יעקל סטאָליער און די וואַרשעווער האָבן זיך אויך געשטעלט אפן באַרג און שטיל נאָכגעקוקט. מע האָט מער ניט געזען, נאָר קעפּ־אײַן און קעפּ־אויס, א יאַם גאָלע קעפּ, און קעפּלעך מיט רויטע און ווײַסע פּאַטשיילעכלעך, וואָס האָבן אַרויס־געפּעכלט, ווי צעזייטע בלימלעך פון צווישן דער מאַכנע, וואָס האָט זיך געוויגט נאָך די פּענער נאָך. און די פּענער האָבן געווייעט, גע־פּעלבלט זיך און צעשפּרייט אין דער לענג און אין דער ברייט און האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר א בוים, און דער גאַנצער נאַראָד איז שטיין געבליבן. דאָ האָבן זיך די וועגן צעשפּרייט אפ צוויי, און אונטער דעם בוים איז א קרייץ געשטאַנען, אײַנגעטיפט אינעם שאָטן פון די געדיכטע צווײַגן. דאָס געזאַנג איז נאָך טיפער געוואָרן און דער נאַראָד שטילער... און אָט לאָזט מען זיך שוין אַראָפּ קניען... די גאַנצע מאַכנע לאָזט זיך אַראָפּ און אַראָפּ, פון איין עק ביז צום אַנדערן, ווי די זאַנגען איבער א גרויס פעלד, ווען א ווינט איז דורכגעצויגן און אַלע קעפּלעך געבויגן. איין פּאַליע איז איבער אַלע קעפּ פאַרבײַגעגאַנגען, אָנהייבנדיק אין איין עק און אויסלאָזנדיק אין צווייטן עק. אַלץ קניט, אַלץ שווײַגט. מיט געבויגענע נאַקנס און אַראָפּגעלאָזטע געזיכטער צו דער ערד... און דאָס געזאַנג פון אויבן צעגיסט זיך אַרום און אַרום נאָך שטילער, נאָך טיפער און נאָך אײַנ־געהאַלטענער און וועלן, דאַכט זיך, אַלע שטילע קעפּלעך, וואָס לאָזן זיך אַפ די קניען אַראָפּ, — זיס אײַנשלעפערן און לאָזן זיי ליגן מיט די פּענעמער אײַנגעטיפט אין זייער אייגענער שויס...

און פּלוצלינג אַן איבעררײַסן פון דעם שטילן געזאַנג... אין יע־נעם עק דערהייבט מען זיך שוין, און קעפּלעך איבער קעפּלעך הייבן אָן קעסיידער אופצוקומען.

דאָס געזאַנג האָט זיך אַפּסניי דערהויבן. און די גאַנצע מאַכנע האָט זיך א ריר געטון, לאָזנדיק זיך ווײַטער איבערן וועג אין גרי־נעם פעלד אַרײַן. און ווײַבער און מיידן מיט יונגע זײַנען אפן באַרג געשטאַנען, ווו מע נעמט געל זאַמד אפ שאַבעס, און האָבן נאָכ־געקוקט.

ווײַט איז די מאַכנע שוין אַוועק. ווײַט, ווו דער ברייטער זאַמ־דיקער וועג זעט אויס ווי א שמאָל, ליכטיק שלענגל, וואָס שלענגלט

זיך צווישן די גרינע פעלדער, בארג־אויף און בארג־אָפּ. און די מאַכ־נע האָט זיך געצויגן און געצויגן קאָם נאָר מיטן אויג צו דערזען, זי האָט אויסגעזען, ווי אַ שוואַרץ פּאַסיקל אינמיטן פון אַ גרינער וועלט אַרופגעוואָרפן...

און פון דעם באַרג, וווּ מע נעמט געל זאַמד אויף שאַבעס, האָבן זיך יונגע און מיידלן אָנגעהויבן צוריק אַראָפּצולאָזן, נאָר איטשעלע איז געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער, מיט ווײַטע, אויסגעשטעלטע אויגן.

— לאָמיר גיין, — האָט אים דער וואַרשעווער געוועקט.

— זאָג נאָר, — האָט זיך איטשעלע ווי אויפגעכאַפּט, — וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג געווען, זייער הײַנטיקער גאַנג?...

— אַ פּראָצעסיע... — האָט דער וואַרשעווער געענטפערט.

— אַ רעליגיעזע, — האָט יעקל סטאָליער פאַרבעסערט.

— דו האָסט דאָך עפּעס געהאַט געזאָגט, — מאַכט איטשעלע צום וואַרשעווער, — אַז עס וועט אַראָפּקומען אַ וואַרשעווער קריסט, וועט ער האַלטן אַ „מאָוועף"[41]. און מע וועט גיין צוזאַמען?...

— האַנט באַ האַנט... — פאַריכט יעקל.

— ע... — גיט דער וואַרשעווער אַ הייב מיט די אַקסלען, — די הײַנטיקע איז דאָך גאָר עפּעס אַנדערש... דאָס זענען „נאַראָדאָווצעס"...

נאָר איטשעלען האָט עס געקרענקט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער וואַרשעווער האָט זיך עקסטרע אויסגעזוכט אַ געבילדעטע וואָרט „נאַראָדאָווצעס", אַבי נאָר צו פאַרגלעטן...

און אונדזער אוילעם האָט זיך אויך פאַרבענקט נאָך אַ פאָן. דער וואַרשעווער פּעפּעעסאָוועץ[42] האָט דאָס אײַנגעזען און מוירע געהאַט, יעקל סטאָליער זאָל עס ניט פאַרכאַפּן, יעקל סטאָליער ווײַטער האָט אויך דאָס אייגענע אײַנגעזען און מוירע געהאַט, אַז דער וואַרשעווער זאָל עס ניט פאַרכאַפּן. זיינען איבער נאַכט אויפגעשטעלט געוואָרן צוויי פּע־נער, אין דער „טשײַנע" טאַקע, און אינדערפרי האָבן זיך שוין יונגע געזאַמלט פאַר די גלעזערנע טירן — שיין, ריין, די היטעלעך אָפּגעפּוצט, די פּענעמער אָפּגעוואַשן, און די אויגן האָבן געבלישטשעט גאָר יאָנטעוודיק.

דער אוילעם זאַמלט זיך, ווערט וואָס אַמאָל גרעסער, די גאַס ווערט שוואַרץ, באַלייגט... און וווּ איז דער וואַרשעווער, דער וואַר־

שעוער!... האָט איינער דעם אנדערן. געפּרעגט, און עס איז געוואָרן א געפּאָרעריי, א גערייידעריי און ס'איז געלאָפן הין און צוריק, אז די גאס האָט ניט גערוט.

— נו, וואָס שטייט מען?.. כאַזערט יעקל איבער צום וואַרשעווער נאָך די גאנצע צייט שווייגן.

— נו, גייט... וואָס ווילט איר פון מיר?... — בלאָזט זיך דער וואַרשעווער, א קוועטש טוענדיק מיט די אקסלען. נאָר אז יעקל בלייבט צוריק אנטשוויגן, רופט זיך איטשעלע אָן:

— הער נאָר, וואַרשעווער יאָלד — מיין נאָר ניט, אז מיר זיינען דיינע פרייערס...

— ווער זאָגט, אדעראבעו, — פאַרענטפערט זיך דער וואַרשעווער, —נאָר איך קען נאָך ניט גיין... ווייל איך, מוז איך אייך זאָגן, האָב ארויסגעשיקט מענטשן דעם טעלעגראַפ איבערצורייסן — — מוז איך אָפּ זיי וואַרטן...

— אזוי איז שוין עפּעס אנדערש... — האָט ערשט איטשעלע א הייב געטון מיטן קאָפּ. נאָר יעקל איז געבליבן שטיין נאָך מער פאַרזונקען, וואָס דער וואַרשעווער איז פאַר איינער... ווי אזש פאַר־כאַפּט ער... און יעקלען דאכט זיך, אז ער האָט עס אויך אין זין גע־האַט צו טון. נאָר עס איז אים גאָר פון זין ארויס.

עס קומען אָנצולויפן עטלעכע קונדייסים מיט פּרייליכע, שיינענ־דיקע פּנעמער, פאַרקאָכט, און די דאשעקלעך, נעבעך, פאַרדרייט, זיי רייסן זיך ארייַן אינמיט רעדל, צום וואַרשעווער און רוימען אים עפּעס איין, אונטערשטעלנדיק די מיילעכלעך אונטער זיין אויער...

— און ווו זיינען זיי?... — פרעגט ער איבער.

— גייען שוין... שוין... איבערגעריסן... עס האָט אוש א ציכער געטאָן דער דראָט: בר־רר־רר...

און באלד זיינען נאָך עטלעכע יונגע אָנגעקומען מיט ניצאָכנ־שמייכלדיקע אויגן, פאַר זיי איז געגאנגען איינער פאָרויס, אין א מאַרנארקע מיט שטיוול און א רויט שאלעכל אפן האלדז, מיט א ווייסן שטעקן אין דער האנט. נאָך פונוויטנס האָט ער שוין עפּעס א סיגנאל געמאכט: א כאַפּ געטאָן דעם שטעקן אינדערהייך, מיט דעם געבויגענעם הענטל ארוף, עפּעס א וויין געטון דעם אוילעם מיט א וווּנק־צו אינדערהייך און א שפּרונג אונטער געטון, ווי

מע כאפּט עפּעס אָן אינדערלופטן. און א האק האָט ער געטון מיט דער שארף פון דער האנט אין דער לופט אריין, און א שאָקל־צו מיטן קאָפּ. „שוין" — האָט עס געהייסן. „אָפּגעפּארטיקט"...

צווישן אוילעם האָט זיך אָנגעהויבן א געסוידעריי, א געשעפּ־טשעריי מיט אומרויִקע באוועגונגען אף די געזיכטער: זעלנער וועלן קומען, זעלנער... דער נאטשאלניק וועט געוואָר ווערן... נאָר דער וואָרשעווער איז געווען פארטאָן אין זיין זאך; איצט איז עס „פּאָלקאָם!", האָט ער צו זיך געשמייכלט, און ער מיט יעקלען האָבן זיך א ריר געטון מיט די פענעמער פאָרויס און דער גאנצער אוילעם האָט זיך א ריר געטון מיט די פענער פאָרויס און דער גאנצער אוילעם האָט זיך א ריר געטאָן נאָך.

די גאס איז געווען פאר זיי, ווי אָפּגערוימט, די געוועלבער פארהאקט, און כעוורע האָט געמארשירט, ציענדיק זיך נאָך די פּע־נער. באלד האָט זיך א געזאנג אופגעהויבן, און אלע פענעמער און אלע אויגן האָבן געשיינט מיט איין גליק און איין פרייד. דאָס גע־זאנג ווערט שטארקער, ראשער, די פענער ווייען און דער אוילעם רודערט נאָך מיט פארפלאמטע פענעמער און אָפענע מיילער פון גע־זאנג, וואָס האָט די גאנצע גאס ארומגעכאפּט.

אינעם גאנג זיינען נאָך אנדערע צוגעשטאנען. דער אוילעם האָט זיך נאָך מער פארגרעסערט, און „אויסרופן" און „ענטפערן" האָבן די גאס פארהילכט. מ'איז אָנגעקומען פאר דעם בורמישטש[43] גאָרטן, פאר דער קאנצעליאריע.

דער אוילעם האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויסגערופן עטלעכע מאָל די „פאָדערונגען", וואָס זיינען געוואָרן אונטערגעכאפּט מיט א יאם קוילעס פון דער גאנצער הילכיקער מאסע. דערנאָך האָט מען זיך צוריק אראָפּגעלאָזט אין גאס אריין. און קיינער האָט ניט באמערקט, ווי אין גאָרטן, פארוקט הינטער דער גאנקע, שטייט דער בור־מישטש מ'ט דעם אקציזניק, דער סטארשע און עטלעכע האָלצהעקער אין די סוקמאנעס, מיט די העק אף די הענט, און אז זיי סוידען זיך עפּעס און ווארפן בליקן אף די דעמאָנסטראנטן... דער וואָרשע־ווער איז באגייסטערט, ער פירט... יעקל, ווידער, ווייס בא זיך, אז ער פירט גאָר... און וואָס ווייטער אין דער גאס, אלץ העכער ווערט דאָס „אויסרופן", אלץ רוישנדיקער די קוילעס, אז עס דאכט זיך די גאס וועט פלאצן. די פענער פלאטערן, ווייען איבער די קעפּ און

דער אוילעם ציט נאָך און ציט. מע זעט נאָר איין לאַנגע רירעוודי־קע מאַכנע, קעפּ און קעפּ, וואָס באַוועגן זיך אינעם געריוש פון א יאַם מיט קוילעס.

מע גייט און מע גייט.

אין מאַרק אַרײַן, אין מאַרק אַרײַן!

און דער מאַרק איז ליידיק. די טישלעך פון געבעקס — ליידיק. עס וואַרפט זיך א דערשראָקן, בלאַס פּנים דורך א שפּאַרע פון א געוועלב, וואַרפט א צעמישטן בליק אויף די פענצטער און אויף דער צוזאַמענגעשטויסענער מאַכנע אַרום, און די טיר גיט זיך צוריק א פאַרהאַק...

די פענצטער ווייען. און דער וואָרשעווער איז שוין אַרויף אויף א טישל מיט זײַן פאָן אין דער האַנט, און יעקל סטאָליער, ווידער, מיט זײַן פאָן אין דער האַנט איז אַרויף אויף דעם אַנדערן טישל קעגניבער. און דער אוילעם אַרום די טישלעך און אַרום די פענצטער איז געבליבן שטיל און האָט אַרויפגעקוקט זיי אין די פנימער אַרײַן. האָט אָבער יעקל נישט געהאַט וואָס צו ריידן, האָט דער וואָרשעווער געגעבן א הייב־אָן א רעדע, אַז דער קאָפּ זײַנער מיטן קאַפּעליוש האָט זיך אויך א שאָקל געטון, ווי אויפגערודערט צום אַרויסשיטן. און ער האָט גערעדט און גערעדט, און געוואָרפן מיטן קאָפּ און געמאַכט מיט די הענט און מיט די פיס, ווי טיילמאָל דעם פאָרעצס פערד פאַר רעב אײַזיקס געוועלב... און דער אוילעם איז געשטאַנען מיט אָפענע מײַלער אונטער א האָגל פון ווערטער און געקוקט אים אין פלאַמיקן געזיכט, וואָס האָט אויך געציטערט פון באַוועגונגען, און אין די אויגן, וואָס האָבן געברענט, ווי צוויי שטורקאַצן.

האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצופליען ווײַבער מיט פאַרשאַרצטע אַרבלען, מיט הענט פון טייג; און מיידלעך מיט צעשויבערטע האָר און מיט קינדער אויף די אָרעמס; און די קינדער מיט בייגל אין די הענט, און אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אוילעם און צוגעשטופּט זיך אויך עפּעס צו הערן...

און אָט באַווײַזן זיך פון עק מאַרק־געסל אַרויס די זעלבע האַלצהעקער פון הינטער דער אָפּסטאַנקע, איצט טראָגט שוין יעדער פון זיי אין בוזעם צו אײַנציקע כאַלעס, פון וועלכע די אַרויסגעשאַרטע שפּיצן זײַנען שוין אָפּגעביסן, איינער פון זיי שלינגט אײַלנדיק אַראָפּ דעם ביס, מאַכט זיך גלײַך די וואָנצעס, שאָקלט אויף די

קרישקעס פון די לאצן, נאָך דעם אויך די איבעריקע מאכן זיך גלייך, ווי גרייטנדיק זיך צו עפּעס, און אַלע רוקן זיך צו דער קופּע, שטעלן אויף אַן אויער, אויך עפּעס צו הערן פון דעם אַלעם גוטן...

און ווי דער וואַרשעווער האָט דאָס דערזעען, גיט ער זיך געשווינד א וואָרף איבער אויף אן אַנדערן טאָג, ווי א קאָמעדיאַנט אויפן שטריק, און גיט א הייב אָן נאָך העכער און נאָך שאַרפער:

— „בראַטשא, כאָוואַזשישע!"... גיט ערשט אָפּסנייַ א פּאָר אַרויס, און־דאָס צינגל האַקט, קנאַקט, ווי אין קרויט אַרייַן, ווי א לייַנענ מילכל מיט די האַמערס, און ווי א מילשטיין אונטער די וואַלצן.

און די גוייִם מיט די ברוינע מעגושעמדיקע פּענעמער, מיט די דיקע ליפּן און בלאָנדע וואָנצן, קרימען, שמייכלען איינער צום אַנדערן. און אָט האָט זיך איינער גאָר הינטער די וויַיבער און די מיידנס פּלייצעס געשטעלט, בייגט זיך איבער מיטן קאָפּ אין רעדל אַרייַן, מאַכט א סאַמעוואַטע פּאָנעם, און בליקנדיק מיט דערשראָקענע אויגן אין ווינקל מאַרק אַרייַן, שטאַמלט ער: „זאָלמערזשי ידאָן, זאָלמערזשי"...

עטלעכע וויַיבער, די נאָענטסטע, האָט עס א בליץ געטאָן אין די אויגן, און ציטערנדיק האָבן זיי זיך א כאַפּ געטאָן מיט אויסגעשטרעקטע קעפּ און פינקלענדיקע אויגן איבער אַלע קעפּ אַריבער... און אין דער רעגע איז עפּעס ווי א שטומע אייַנגעהאַלטנקייַט געוואָרן צווישן אויפעם, און אַלעמענס בליקן האָבן זיך אָן זייערע אָנגעצונדן... צעמישטע פּענעמער האָבן זיך א רעגע איבערגעפינקלט מיט די אויגן — און איינ עלעקטרישער פונק האָט זיי אַלע א כאַפּ געטאָן און — א שליידער! און די גאַנצע קופּע האָט זיך א הייב געטאָן.

— שטייט, שטייט!! — האָט יעקל סטאָליער פון טישל אַראָפּגעשריען מיט אַלע קויכעס, און איטשעלע איז אויך אַרויף אויפן טישל און נאָך העכער געשריגן און געמאַכט מיט די הענט, און דער אויפעם איז נאָך מער פאַרטומלט געוואָרן, און נאָך שאַרפער האָבן די אויגן געגלאָצט... דאַך איז מען שטיין געבליבן — עפּעס האָט זיי א ביס געטאָן און עפּעס האָט זיי צוריק פאַרכאַפּט, און זיי האָבן די וואָג פאַרלוירן. נאָר בא די זייטן אַרום איז מען שוין געלאָפן און אויף דער ערד זיך אומגעוואָרפן. וויַיבער און מיידן איז ניט מעגלעך געווען אייַנצוהאַלטן. אויסגעשטרעקטע הענט האָבן זיך אין קליידער און

אין פיס איינגעדרייט, און מע איז געפאַלן און געטרעטן, געטרעטן און געפאַלן, איינער איבערן אַנדערן, איינער איבערן אַנדערן, און עס האָט שוין ניט געהאָלפן, כאָטש דער מיטלסטער אויף זיי האָט געשטורעמט: שטייט! שטייט! א צעמישונג איז געוואָרן — קופּעס אַף קופּעס, הענט מיט פיס, מיט פענעמער, מיט צעשויבערטע האָר — אַלץ איינעם אויסגעמישט געוואָרן און געוואַלגערט זיך איבער דער ערד, און אַלע צוזאַמען האָבן זיך געריסן איינער פאַרן אַנדערן, איינער פאַרן אַנדערן, און אַלע צוזאַמען האָבן זיך פעסט צוגעהאַלטן מיט איינגעקלאַמערטע הענט און פינגער איינער אין אַנדערן; און עס איז געוואָרן ווי איין צונויפגעגאָסענע קופּע, וואָס וואַרפט זיך און ראַנגלט זיך מיט הונדערטער הענט און פיס. און דאָך האָבן זיי זיך א וועג באַפרייט, און צייט איין מינוט זיינען זיך צעפלויגן אַלע ווייבער און מיידן און א שפּאַר ביסל יונגען אויך. געבליבן שטיין אַפן אָרט זיינען נאָר די רעכטע עמעסע מאַנספּאַרשוינען — בלויז געקליבענע... און דער וואַרשעווער האָט זיך צוריק געווענדט צו זיי מיט אויפגעהויבענע אויגן און געוואַרט ביז דער אויפעם וועט זיך דערוויילן באַרויקן.

אצינד האָבן שוין די האַלצהעקער נישט געהאַט וואָס צו מאַכן, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צוריק צו רוקן אין מאַרק־געסל אַריין און געלאָזט זיך גיין צו דער קאַנצעלאַריע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

פאַרנאַכט האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל געוווּסט, אַז דער מעלע־גראַף איז איבערגעהאַקט. צומאָרגנס אינדערפרי זיינען שוין זעלנער געווען.

גענומען האָט מען איין יעקל סטאָליער און, אַוועקגעפירט אים אין אויעזד צום נאַטשאַלניק.

אַז מע האָט אים פון שטוב אַרויסגעפירט מיט זעלנער בא די זייטן, האָט אים קיינער נישט געקענט קוקן אין בלאַסן פּאָנעם אַריין, נאָר דער קרעמער, דער שאַכן, האָט לאַנג געקוקט און געקנייטשט דעם שטערן: צוויי גילדן קומט אים פאַר פּאַפּיראָסן...

— דער וואַרשעווער, — האָט א פורמאַן דערציילט, — האָט נאָך באַנאַכט אויקער געווען צו דער באַן...

און די זון האָט זיך איר וועגס געשיינט. אַלץ האָט זיך אין א יאַם ליכטיקייט געבאָדן, די אויבערשטע פענצטער איבער די מאַרק־

געוועלבער האָבן אפּן מאַרק אַרויסגעקוקט, עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויַיזן איַיזיק פייגע־ליבעס מיט זיַין איידעם הערשעלע און דאָווידל ראָזענצוויַיג מיט אַ פּאַרוקט היטל איבערן שטערן, די הענט אונטערן רוקן און דאָס ביַיכל אַ ביסל אַרויסגעשפּיצט. און באַלד האָבן זיך רעדלעך געמאַכט, באַלעבאַטישע רעדלעך פון יידן מיט בערד, דעריי־קער פאַר דעם מאַרק־ברונים — דאָווידל ראָזענצוויַיג שטייט צווישן אַ גאַנץ רעדל, היצט זיך עפּעס זייער און שאָקלט שטאַרק צו מיט די הענט, אַוואַדע וועגן די אַכדעס־לייַט. קיינעם פון די כעוורע זעט מען נישט. אַלע האָבן זיך, וויַיזט אויס, באַהאַלטן.

דאָך, אין יענער זיַיט מאַרק באַוויַיזט זיך איטשעלע. דאָס גע־זיכט בלאַסלעך, די אויגן אַראָפּגעהאַנגען, ווי ער וואָלט עפּעס אַ פּרעטענזיִע געהאַט צו דער וועלט און וויל בעסער קוקן אויף די שפּיצן פון זיַינע לאַקירענע שטיוול, די הענט האַלט ער פאַרלייגט אַרונטער, אַזוי אַז די ברייטע פלייצעס צוזאַמען מיט דעם קאַרק קומען אויס עטוואָס געזונקען, און אין די אויגן שפּיגלט זיך אָפּ אַ בלישטשענ־דיקע פיַיכטקייַט. און אַז ער וואַרפט אַ בליק פון אונטערן־שטערן אָפּער צו די וויַיטע רעדלעך מענטשן, זעט מען, ווי די קינבאַקן רודערן, ווי זיי ווערן אָנגעשטרענגט ווי די קראַטן...

ער קומט וואָס אַמאָל נעענטער. כאַים־יאָסעלע, אַ שוסטער־גע־זעלן, זעט איר, שטייט אויך אינמיטן רעדל, אויך אַ באַלעבאַטישער יונג געוואָרן... איטשעלע איז פאַרבייַגעגאַנגען און האָט זיך געוואָלט ניט וויסן מאַכן, פילנדיק ווי אַלע קוקן אים נאָך. הינטער די פּליי־צעס דעריאָגט אים אָבער אַ קאָל: נישטאָ קיין קייסער, זאָגן זיי... קיין גאָט איז נישטאָ...

— נאָר קעמפּער זיַינען דאָ!... — כאַפּט כאַים־יאָסעלע אונטער מיט אַ געלעכטערל. איטשעלע האָט זיך באַלד אַ דריי־אויס געטאָן און שטיין געבליבן, אָפּמעסטנדיק כאַים־יאָסעלען מיט אַ שאַרפן בליק. מיט צוויי טאָג צוריק איז ער נאָך אַליין אַ קעמפּער געווען... דאָס בלוט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּאָנעם אַריַין און די אויגן זיַי־נען פאַרגאָסן געוואָרן פון צאָרן.

דאָס רעדל איז פאַרשטיינערט געוואָרן. דאָוויד ראָזענצוויַיג האָט זיך געשווינד אַ רוק אַרויס געטאָן און אַקעגן געלאָפן איטשעלען מיט די הענט:

הער נאָר, זע, וואָס דו ביסט... קוקסט שוין בייז... ווייסט נישט, וואָס און ווען און — שוין... ביסט שוין גרייט... דאָס מיינט ער דאָך דעם וואַרשעווער... נו, אדרבא, ביסט דאָך עפּעס א מענטש מיט שׂכל, ביסט דאָך נישט פון די קליינע לאָבוסלעך... האָט דאָס געהאַט עפּעס א פּאָנעם?... אַן אַנדערער, ביסט א שלימזלניק — פאַרדעק... טו נישט אַזוינס, מע זאָל דאַרפן דערקענען, ווער דו ביסט... פאַרשטייסט? טשעפּע נית מיטן קייסער און באַהאַלט זיך נישט. פע... ס'איז דאָך מיעס צו קוקן. וואָס זאָגט מען היינט? — די מײַז זיינען זיך צעלאָפן... און אַלץ ווער? דער וואַרשעווער. ער איז שוין אַנטלאָפן... אָבער אײַך האָט ער איבערגעלאָזט דאָס פּעקל... דאָס האָט ער, הייסט עס, אײַך אונטערגעדרייט?... —

איטשעלע האָבן די רייד געטראָפן. ער האָט מיט די ליפּן פאַרביסן און דעם בליק אַראָפּגעהאַנגען. און נישט ענטפערנדיק, האָט ער א קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען און גענומען אוועקגיין — „כאַפּט זיי אײַן כאָלערע מיטן וואַרשעווער צונויף!"... — האָבן זיך די פויסטן זײַנע פאַרקוועטשט — „ס'אַנדערע — האָט ער זיך געטראַכט — צייט די מײַסע מיט לאָזערן, דעם גענועלבניק, איז ער שוין סיווי־סיי אויס!"

אַזוי איז ער זיך געגאַנגען און געטראַכט. און דאָווידל ראָזענצווייג האָט זיך שוין צוריק אין רעדל אַריינגעכאַפּט און האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו צעשפּרייטן מיט די הענט:

— וואָס קלערט איר, צי איך האָב אים גוט געגעבן?... איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין און געוויזן אים ווי ווייט נאַריש זייערע אַלע זאַכן זיינען און ווי ווײַט זיי ליגן באַגראָבן...

— אַבי איך האָב געמיינט, הע, הע, — לאַכט כאַיִם־יאָסעלע, — אַז ער לויפט שוין צו מיר צו...

— נאָך אַזאַ נאַר זאָל ער זיין?... — קוקט אים דאָווידל ראָזענצווייג אָן. — ער וואָלט דען נישט צעריבן געוואָרן פון אונדז אַלע?... און אַז מע האָט א שווער א שטאַרקן יונג, ווי דו, אשטייגער, האָסט... און נאָך דערצו צוויי ברידער דעם שוועדס — אייזערנע יונגען טאַקע, פרעגסטו נאָך אים?... שוין! ס'איז נישט פריער, אויס יידישע קאַזאַקן!..

— קומט, לאָמיר גיין ערגעץ, — האָט אייזיק פייגע ליבעס זיך אַ ריר געטאָן און נאָך אים דער איידעם.

— קומט... — איז דאָווידל ראָזענצווייג באַשטאַנען און כאַים־יאָסעלע אויך מיטגעשלעפּט.

לאַנגזאַם, שפּאַצירנדיק, זיינען זיי אַלע געגאַנגען אין איין שורע. די קעפּ אויפגעהויבן, די הענט אונטער די רוקנס, און כאַים־יאָסעלע אויך דאָס אייגענע, אַ נאַריש אויפגעשטעלט בלאָנד פּייעלע, אַ פאַרקעמטס הינטערן אויער, דאָס היטעלע אַפּ דער זייט, דעם סאַק צעלאָזט, ווי עפּעס רעכטס, און דער גאַנג איז וואַקלענדיק אין דער ברייט, ווי „מאַכט אַ וואָרע״... און קוקן קוקט ער אַצינד אַפּ אַלע זייטן, צי זעט מען אים כאָטש... ער גייט מיט אייזיק פייגע־ליבעס, דעם גרעסטן פאַבריקאַנט פון שטיוול, מיט זיין איידעם הערשעלע, אַ קאָפּ־שטיק און האָט נאָך צו דרייצן יאָר פאַרקלונגען דאָס שניידערשע שולכל מיט זיין לייענען אין סייפער... ווייבער האָבן דורך שפּאַרעס אַריינגעקוקט... און מיט די אַלע און מיט דאָווידל ראָזענצווייג אויך — איז ער, כאַים־יאָסעלע, כאָווער און גייט מען טאַקע צו דאָווידל ראָזענצווייג אין שטוב אַריין...

אין אַ באַזונדערן קאַבינעט, ווו דער „אוסטאַוו״ רוט, זיינען זיי אַלע אַריין און געזעצט זיך אַרום טיש, פּאָנעם צו פּאָנעם, אייזיק פייגע־ליבעס האָט אַרויסגעוואָרפן אַ רובל פון זיין פּאָרטמאָנע אַפּן טיש אַרופּ און אַ וווּנק געטאָן, זאָל מען ברענגען אַ שנאַפּס אָדער וואָס...

כאַים־יאָסעלע האָט שוין געוואָלט כאַפּן און לויפן, נאָר דאָווידל ראָזענצווייג האָט אים באַם אַרבל אָנגעכאַפּט: כאָלילע־וועכאָס... און ער האָט געמאַכט אַ קרום פּאָנעם. זאָל גאָט שוימער אומאַציל זיין. און אַ קלונג אָן באַ דעם מויערקעפּל אַפּ דעם טיש האָט ער געטאָן, האָט זיך די טיר אַ פּראַל אויפּ געטאָן, און דאָס זינדל איז אַריינגעפלויגן:

— וואָס פאַרלאַנגט דער פּאָטער?...

— עס זאָל געברענגט ווערן שנאַפּס און ביר... — האָט ער דעם רובל דערלאַנגט.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיינען שוין פלאַשן מיט גלעזער געשטאַנען אַפּן טיש.

דאָווידל ראָזענצווייג איז ארופ אין דער הייך, דעם ראָליעט אראָפּ־צולאָזנ איבערנ פענצטער:

— מע וועט זיי ווייזנ, די לאָבוסעס... — האָט ער, נאָכלאָזנדיק די שטריקלעכ, מיט אָנגעשטעלטע בליקנ אפ אייזיק פייגע־ליבעס, געטייַנעט.

— מע וועט זיי דושענ!... — האָט ער געענטפערט און א צי־געטאָנ זיכ בא די צוויי שפּיצנ פונ דער באָרד.

— מיר וועלנ אויכ מאכנ א כעוורע, כעוורע קענעגעד...[45] האָט הערשעלע אונטערגעכאפּט.

— א צעטל וועט מענ אויסשטעלנ, און אלע באלעבאטימ וועלנ זיכ איינשרייבנ... — טאנצט דאָווידל ראָזענצווייג אונטער, ארויסווייזנדיק זיינ כאריפעס וועגנ א פּלאנ מיט אנ אָרדענונג...

— און דו, פייַנער באָכער, ווענדט זיכ אייזיק צו כאימ־יאָסע־לענ, וואָס קענ זיינע אייגענע אויגנ נישט גלויבנ, מיט וועמענ ער זיצט אלצ, — דו האָסט גאָר מוירע ארייַנצוקומענ צו מיר אמאָל, גלייכ איכ וואָלט גאָר קיינ פאבריק נישט געפירט?... מענטשנ האָבנ מאוכ... און אז איכ דארפ אנ ארבעטער, א באלמעלאָכע... מוז איכ מיכ בעטנ...

— איכ וועל אייכ זאָגנ דעמ עמעס, רעב אייזיק, — האָט יאָסע־לע א פּאָר גראָבע ליפּנ אופגעשטעלט, ווי אינ הייסער קאשע אריינ־צובלאָזנ, — איכ האָב אליינ אויכ געטראכט, אז איכ וואָלט געוואָלט ארבעטנ בא אייכ. —

— אוואדע, אוואדע... — איז דאָווידל ראָזענצווייג אונטערגעשפּרונ־גענ, — ביסט דאָכ עפּעס א היימישער יונג, און דער שווער דיינער, — ווארפט ער פינקלענדיק איבער די בליקנ אפ אייזיקנ, — איז דאָכ אוואדע פונ אונדזערע מענטשנ...

פונ דעמלט אָנ האָט שוינ כאימ־יאָסעלע געארבעט בא רעב אייזיקנ —

רעב אייזיק פלעגט אימ גוטברודערשאפט א פּעטשל טאָנ אינ די פלייצעס:

— כאימ־יאָסעלע, זאָלסט שטרייקנ גלייכ מיט זיי... — האָט ער מיט א גיפטיק שמייכעלע אָנגעוויזנ אפ די איבעריקע געזעלנ, — זאָלסט זיינ א גלייכער קעמפער. הערסט?

— כאַים־יאָסעלע, — האָט ווייטער דאָס איידעמל, א קלוגער יונג און נאָך א באַלקוירע דערצו, זיך אָנגערופן, — כאַים־יאָסעלע, דער נאטשאַלניק איז גאָר א נאר... וואָס מאכן זיי, די היגע קעמפער, מיט אזא קאפּ זעלנער, וואָס ער האָט אראָפּגעשיקט צו זיי? — אפּ איין צאָן אויך נישט.

— מע וועט זיי געבן, די קעמפער... — האָט כאַים־יאָסעלע מיט אָנגעבלאָזענע בעק א זאָג געטאָן.

א טייל געזעלן האָבן די אויגן אראָפּגעלאָזט, א טייל האָבן נארישלעך געשמייכלט, קוקנדיק זייערע דריי באַלעדינים אין די אויגן אריין.

זיי וויסן גוט, אז היינט א ליאדע שאָרך צום נאטשאַלניק איז שוין געננוג... און כאַים־יאָסעלע סוידעט זיך טאקע אַלעמאָל מיט הערשעלען...

עס קומט, לעמאָשל, פארנאכט, טוט אים הערשעלע א זאָג:

— זע דיך נאָך דאָרט מיטן הוילן יאָלאָג מיטן רויטן שאַלעכל אפן האַלדז...

טרעפט זיך שוין כאַים־יאָסעלע מיט יענעם אפן שולהויף, צווישן מינכע און מיירעוו און גייט אים דאָס רויטע שאַלעכל פון האַלדז אראָפּרייסן, און עס מאכט זיך א געשלעג.

בייזערט זיך דער שווער אפּ כאַים־יאָסעלען, פארוואָס ער האָר־געט זיך ארום טאָג מיט נאכט, בלאָזט ער אָן די בעק און קוקט אים אָן:

—אזוי — זאָגט ער, — זיי לאָזן ניט פארדינען... שטרייקערס!...

און אז דער זשאנדארמסקער קאפּיטאן האָט אָנגעהויבן אָנ אָפּ־טער גאסט צו ווערן אין שטעטל, פלעגט מען שוין אין אזא טאָג באגעגענען דאַווידל אדוואָקאַט מיטן זונדל לויפן פארפאָרעט אין די שאבעסדיקע קאפאָטעס!

— וואָס לויפט דיין טאטע אלץ איניינעם צום קאפּיטאן? — האָט עמעצער דעם זונדל געפרעגט.

— וואָס דען? — האָט דאָס זונדל ברייטלעך געענטפערט, — נאָך וועמען דען זאָל ער שיקן, דער קאפּיטאן! — ס'איז דאָך א שטאָט מיט בידלעס (בעהיימעס)... ער האָט דען מיט וועמען א וואָרט צו רעדן, אז ער קומט?...

די אַרבעטאָרער אין די וואַרשטאַטן פֿלעגן שוין זיצן שטיל, ווי די לעמלעך. און וואָס שטילער זיי זײַנען געוואָרן, אַלץ גרעסער איז כאַיִם־יאָסעלע געוואַקסן — שלאָגט זיך אַלע פֿאַרנאַכט מיטן הויכן יאָלאָג און באַגעגנט אַלע אינדערפֿרי אַ „גוט־מאָרגן" פֿון דאָווידל אַדוואָקאַט, טײַלמאָל — נאָך מיט אַ שמייכל...

און איינמאָל אינדערפֿרי, די זון האָט שוין געשײַנט, די ערד איז נאָך געווען מיט פֿײַכטן טוי באַדעקט, און אָפּגעוווּיַסט זײַנען געווען די שפּענדלעך און שטרויען, וואָס האָבן זיך אין מאַרק אַרום־געוואַלגערט, איז כאַיִם־יאָסעלעס שווער געשטאַנען בײַ אַ פֿור אויבס, פֿאַרטאָן מיטן גוי און מיט נאָך אַ צוויי יִדן, — פֿאַלט צו אים צו אַ יִדענע מיט אַ קלאָג — און באַלד נאָך איר נאָך אַ פּאָר מענטשן:

— סטײַטש, גוואַלד געשריגן, מע האָט דאָך דײַן איידעם צעבלוטיקט!...

— אוי, וויי, באַלד אינדערפֿרי?... — האָט ער אויסגעשריגן, צעטומלט ווערנדיק, און לאָזט זיך לויפֿן אין כאַלאַטל מיט די צעפֿלויגענע פּאָלעס גלײַך צום הויכן יונגס היים.... דאָ איז אַ קופּע מענטשן געשטאַנען קעגנעבער די פֿענצטער פֿון אַ גאָרן און אַרופֿגעקוקט מיט אויפֿגעשטעלטע פּנעמער. דאָווידל אַדוואָקאַט איז פֿונווײַטנס געשטאַנען, פֿאַר זײַן טיר, און דאָס צוגעזען. אין סאַמע מיטן רעדל שטייט כאַיִם־יאָסעלע מיט אַ פֿאַרבלוטיקטן קאָפּ און אַ רויט פֿאַרגאָסן געזיכט, און אָט קומט אָנצולויפֿן זײַן שווער מיט אַן אימפּעט... דאָווידל האָט אַ שמייכעלע געטאָן און איז צוריק אַרײַן אין שטוב.

און אַז כאַיִם־יאָסעלע האָט דעם שווער דערזען, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צום טירל פֿון הויף, און דער שווער, מיט נאָך מער עקסטראַוואַגאַנץ... צעטראָגנקײַט, האָט. אים אַ שלײַדער געטאָן הינטער זיך, און ער איז פֿאָרויס אַרײַן אין טירל, צו די טרעפּ צו... נאָר פֿון דאָרט אַראָפּ זײַנען העלצער געפֿלויגן מיט אַן אימפּעט און נישט צוגעלאָזט. דער הויכער יונג און די מוטער, ביידע שרעקלעך צעמישט, שטייען איבער אַ וואָרשטע האָלץ און שלײַדערן אַראָפּ איינס נאָך דעם אַנדערן. און פֿון דער אָפֿענער טיר הערט זיך אַ גוואַלד און אַ געטומל פֿון קליינע קינדער און אַ בלאָסן טאַטן, וואָס לויפֿט צו צום פֿענצטער מיט ווילד־אויסגעגלאָצטע אויגן און כאַפּט זיך באַלד צוריק צעטומלטערהייט, קומענדיק צו הילף דעם ווײַב מיטן זון. בײַ העלצער

פליִען נאָך מיט מער צעמישטקייט, מיט מער טומל, און כאַיִם־יאָסע־לעס שוועד קוקט ניט, מיט די הענט פאַרשטעלט איבערן קאָפּ, הייבט ער אָן ארום אַף די טרעפּ. אין דער רגע איז דער הויכער יונג אריין אין שטוב, געכאַפּט עפּעס פון איבערן קוימען, נישט ווייסנדיק אליין וואָס, און צוריק ארויס אנטקעגן...

איין צוויק אונטערן הארץ האָט נאָך כאַיִם־יאָסעלעס שוועד דער־פילט — און אַן אָפּגעקאָכטער איז ער געבליבן שטיין מיט אויסגע־גלאָצטע, שטאַרע אויגן, און ביידע צדאָדים האָבן זיך אַ רגע אָנ־געקוקט מיט צעמישטקייט אַף די פּענעמער...

אין דער רגע האָט יענער אָנגעהויבן צו שטאַמלען אַף די פיס און, אָנכאַפּנדיק זיך אַף די טרעפּן־אָנלען, אָנגעהויבן זיך אראָפּצו־לאָזן אַף די שטיגן, וואַקלענדיק און מיט אַ מידן קאָפּ...

אראָפּקומענדיק, האָט ער צומישט אַ קוק געטאָן אין הימל אריין, און מיט אַן אָפּן מויל, הויל, ווי אָן גומען, האָט ער דעם אָטעם אַ ציִ געטאָן... אַ שרעקלעכן בליק האָט ער געוואָרפן ארום זיך און פאַרצווייפלט האָבן די אויגן געטומלט... און עפּעס ווי אַ באַהאַל־טענע קראַפט האָט אים געטריבן פון דאַנען און צום טיר געפירט... ער האָט זיך פאַרשפּאַרט מיט ביידע הענט אין דער פאָרטקע און, שאָק־לענדיק מיטן גאַנצן קערפּער און גלאָנצנדיק מיט די אויגן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּוס איבערצוהייבן איבערן אונטערשטן ברעטל, און אַ שטראָם בלוט האָט זיך פון אונטערן שטיוול אַ גאָס געגעבן...

דער אוילעם פון דרויסן האָט אים דערזען און איז פאַרגלײ־ווערט געוואָרן...

— גוואַלד — — — ווי ג־ע־ל!! — האָט איינער, עפראָיִם, אויס־געשריגן און אַ טריט געמאַכט אנטקעגן, בלייבנדיק שטיין מיט אָנ־געצויגענע עלנבויגן, אופגעשטעלטע פויסטן און אַן אָנגעשטרענגטן קאָפּ צווישן די אַקסלען, מיט פאַרהאַקטע ציין, ווי ער וואָלט גע־וואָלט עפּעס איינהאַלטן... און געקוקט מיט שרעקלעכע ארויסגעזעצטע אויגן...

— גוואַלד, גוואַלד!! — איז געוואָרן אַ געטומל.

נאָר יענער האָט זיך שוין אין אַ פאַרמישט ראָד געדרייט, גלאָצנדיק ארום זיך, ווי ער וואָלט גאָרנישט געזען, און צוגעצויגן מיט איין זייט צו דער ערד, האָט ער זיך זייטיק געדרייט, און — אַ פאַל אוּם געטאָן!

— געשטאָרבן!... האָט מען אויסגעשריגן.

— דער שטיוול... — האָט נאָך עמעצער א געשריי געטאָן, און דער גאנצער עולם האָט זיך א וואָרף געטאָן צו דעם דאָזיקן שטיוול און — א שלעפּ געטאָן... ווי פון א קובל ארויס, האָט זיך א גאָס געטאָן אפ איינמאָל א גאנצע קאַליושע שווארצ בלוט.

דער געשטאָרבענער האָט נאָך אמאָל א גלאָץ געטאָן מיט אופגעריסענע אויגן און צוריק אראָפּגעציטערט די ברעמען... אין סאמע הארצ־גריבל איז א לאָך געווען ווי אן איי גרויס. דאָס ווארעמע בלוט בלעזלט זיך נאָך אין דער טיפער שווארצער ווונד און דאָס לייב מיטן אָנטאָן ווייקן זיך אין בלוט. — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מע האָט אים געכאַפּט אפ די הענט. עפראַיִם האָט אונטערגעהאַלטן באַם קאָפּ, וואָס האָט זיך נאָכגעשאָקלט, ווי בא א געשאָכטענער גאנדז. דאָס פּאָנעם איז געל ווי וואקס, דאָס מויל — עטוואָס פארקרומט און פארהאקט אין העפטיקן שמערצ. און די אויגן — האַלב־אָפן, שטאר און פארגלייזט.

די, וואָס האָבן אים געטראָגן, האָבן מיט הענט און פיס געשטאמפּט, און מיט א דערשלאָגנקייט אפ די פּנעמער גערוקט זיך, ווי איינ צונויפגעוואקסן קופּקעלע, מיט דעם טויטן אפ די הענט, און כאַיִם־יאָסעלע האָט אָנגעהויבן ,נאָכצולויפן מיט האקן זיך אין קאָפּ און מיט א ריטש:

— מיינ טייערער שו־ר־ע־ר!

נאָר דאָ איז דער עולם נישט אָפּגעטראָטן פון קעגניבער די פענצטער און ארופגעשריגן מיט אופגעהויבענע קעפּ: אראָפּ! אראָפּ! נעמט זיי אראָפּ!!

און מע האָט אָנגעהויבן לייטערס צוצושטעלן.

און באלד איז עפראַיִם געקומען צוריקצולויפן צעהיצט:

— וואָס טויג מיר שוין צו לעבן, — האָט ער זיך געריסן, — די אָרגאניזאציע האָט געשאָכטן!... נאט אייַך — מענטשן, שעכט! — האָט ער זיך א כאַפּ געטון באַם גאָרגל.

— די אָרגאניזאציע... די אָרגאניזאציע... — האָבן אלע וויַבער מיט א געשטיקט איַינגעהאַלטן קאָל געקלאָגט און געגאָסן מיט טרערן, — א טאטע פון אכט קליינע קינדער...

פלוצלינג האָט זיכ דער סטאַרשע באַוויזנ, די געלע וואָנצנ האָבנ געציטערט, די אויגנ — שאַרפ פאָרויס געבליקט איבערנ אוילעמס קעפ אונ איבער די פענצטער איינדערהייכ, דאָס היטל מיט דער קאָ־קאַרדע — פעסט איינגעזעסנ איבערנ קאָפּ, אונ די שווערד אינ דער שייד האָט ער מיט דער האַנט אונטערגעהאַלטנ, נאָר א שפּרונג אַרופּ צו טונ.

דאָס געטומל איז נאָכ גרעסער געוואָרנ. דער אוילעם האָט נאָכ מיט מער פלאַם צו די פענצטער אַרופּגעקוקט, אונ עפּראָים דער ערשטער, אונ הינטער אימ נאָכ עטלעכע, האָבנ זיכ א וואָרפ געטונ אַפ די לייטער אַרופּ, אַרופּשרייענדיק מיט בלוט־אָנגעגאָסענע געזיכטער.

דאָס גוואַלד פונ שטוב איז געגאַנגענ ביז אונטערנ הימל. אונ אָט האָבנ שוינ עטלעכע הענט אינ אייִנ שטיי א ריס געטונ א פענצטער: א בראָכ פונ שויבנ האָט זיכ דערהערט, אונ א צעשיטער קלאַנג האָט זיכ אינ א יאַם מיט קוילעס אויסגעמישט, אונ שטיקער גלאָז האָבנ א בליצ געטונ איבער א יאַם צעפּלאַמטע פּנעמער, מיט ברענענדיקע אויגנ אונ שוים־שפּריצנדיקע מיילער.

אינ די אָפּענע פענצטער זעט מענ ניט מער, ווי שוואַ[illegible] מיט האַסטיקע באַוועגונגענ. מע איז שוינ אַרייִנ אינעווייני[illegible] [illegible]זיצנ נאָכ רייטנדיק איבער די פענצטער, אונ הינטער זיי [illegible] לייטערס מיט מענטשנ באַקלעפּט... קעפּ איבער קעפּ אונ [illegible]ייצעס איבער פלייצעס. אונ א גאַנצע מאַכנע האָט זיכ שוינ דורכ דעם טירל פונעם הויז א לאָז געטונ אונ געפּאַקט זיכ איינער איבערנ אַנדערנ.

— אַראָפּ!! אַראָפּ!! האָט עס איבערנ פּלאַנקנ פונ הויפ געהילכט, אונ א געקלאַפּערייִ פונ העלצער אָנ העלצער, אויסגעמישט מיט מע־שונע־ווילדע קוילעס, האָט די לופט מיט משוגאַס אונ בעהאָלע אָנגע־פילט, אונ באַלד — א שטאַרקער קראַכ האָט זיכ פונ אינעווייניק מיט די טויערנ אָנגעשלאָגנ. דאָס טירל איז שוינ ווייטער פול אָנגעשטאָפּט, מע פּאַקט זיכ שוינ צוריק אַרויס. אונ אָט — דער פּאָטער. דאָס פּאָנעם בלאַס אונ צעמישט, פּופּציק הענט שטופּנ זיכ מיט אימ פונ טירל אַרויס. דעם זונ אויכ. מע דערקענט איז שוינ קיינ פּאָנעם נישט, רויט, פאַרגאָסנ. אינ גאָלנ קאָפּ, אונ די האָר טונקענ זיכ אינ בלוט. בא דער זייט טויער פּרעסט מענ אימ צו דער וואַנט, מיט דעם קאָפּ אַרונטערגעריסנ. העלצער הייבנ זיכ אויפ אונ אָפּ איבער זיינ קאָפּ;

דער אוילעם, ווי איין צונויפגעגאָסענע קופּע מיט טויזנטער, טויזנטער רירעוודיקע אייוורים, גוואלדן, טומלען, און א געשלעגעריי פון העלצער אָן העלצער האָט אַלץ ארום און ארום פארכאפּט — ביז דער יונג איז אונטער די קלעפּ איינגעשלונגען געוואָרן. מע זעט אים שוין נישט, נאָר דער אוילעם קוקט אראָפּ מיט איינגעבויגענע קעפּ אין סאמע מיטן רעדל אריין און קנאקט צו מיט די פיס. און דער סטאַר־שע אינדערמיט רייסט זיך, די אָדערן אפן האלדז שטעלן זיך אויף, און די אויגן ווערן אים פארגאָסן מיט אן אָנגעצונדנקייט, און ער שטופּט און אמפּערט זיך, ארבעטנדיק מיט די הענט און מיט די אקסלען אף אַלע זייטן. נאָר די קופּע איז ווי צונויפגעגאָסן, איינער אָן אנדערן קלעפּט און אַלע איניינעם זיינען פארכאפּט אין איין ברען, אין איין ווילדער טייווע, וואָס פלאַמט דאָרשטיק אין אַלע פּנעמער און שטורעמט אין דער גאנצער קופּע. א גאַלע שווערד האָט פּלוצלינג א בלאנק געטון אין דעם סטארשעס האנט, גלייך אופ־געהויבן איבער די קעפּ. דער אוילעם האָט זיך א רוק געטון הינטער זיך, ווי פון א קאלטן שפּריץ וואסער אף דעם נאקעדיקן לייב... און גע־קוקט דערשראָקן מיט אן איינגעהאלטענעם אָטעם...

— „אָפּשטופּאט!" — האָט דער סטארשע אויסגעשריגן.

און אז דער אוילעם האָט שוין די בליקן אָפּגעלאָזט פון דער שווערד מיט אָפּגעקילטע געזיכטער, האָט ערשט דער סטארשע אופ־געשטעלט דעם יונג, וואָס איז געלעגן אף דער ערד און געקרעכצט, באשיצנדיק מיט ביידע הענט דעם צעבלוטיקטן קאָפּ. אונטערהאלטנ־דיק דעם יונג אונטערן אָרעם, האָט ער דעם פאָטער, וואָס ער איז אויך געלעגן אף דער ערד און געריסן זיך בא די האָר מיט א יע־מערלעך געשריי — געהייסן נאָכפירן נאָך זיך, און ער מיט דעם יונג זיינען געגאנגען פאָרויס. א פּאָר פארשוין האָבן דעם פאָטער געפירט, און דער אוילעם האָט זיך ווייטער דערוועקט און א לאָז געטאָן זיך נאָך דעם סטארשע מיט דעם יונג, און אַלעמאָל האָט זיך אן אנדער פארגאנוועט מיט א קלאַפּ איבערן קאָפּ אָדער איבער דער זייט. און שרעקלעך ברענענדיק האָט עפראָים געטשאטעוועט מיט א דראָנג אין דער האנט... דער גאנצער אוילעם איז נאָכגעלאָפן ווי א צעלאָזטע סטאַדע, און עפראָים האָט זיך אַלץ בא די זייטן געשארט און גע־לאָקערט מיט דעם ...אָנג איבערן מויעך... און יעדעס מאָל, ווען ער

האָט אים געגעבן א הייב אויף איבערן יונגס קאָפּ, האָט דער פּאָטער זיך א ריס געטאָן און מיט אַן אויסגעשטרעקט פּאָנעם און אויסגע־ זעצטע אויגן דעם הייב אונטערגעכאַפּט, ביז עס האָט א הילך געטאָן, און דער דראָנג איז צוריק אָפּגעשפּרונגען מיט אימפּעט פונעם קאָפּ. צוויי געשרייען האָבן זיך אויף איין מאָל ארויסגעריסן, צוויי אָפּגעריי־ סענע געשרייען און דערוויטערטע איינס פונעם אנדערן, און בײַ יעדן פּאַרנעם האָט עפּראָים געזוכט און געפינקלט מיט די אויגן... און אָט האָט ער א כאַפּ געטאָן מיטן שפּיץ האָלץ קעגן אַן אויג, געצייך־ געוועט און — א קנאַק געטאָן!... דער יונג האָט זיך שרעקלעך א וואָרף גע־ טאָן מיט א געשריי פון א הארץ־פּלאַץ. און דער פּאָטער איז שוין געלעגן איבער אים, מיט ביידע הענט אין זײַן קאָפּ אריינגעקלעפּט, און ציטערנדיק מיטן גאנצן גוף, צוגעדריקט זיך צו אים, און נאָך יעמערלעכער, נאָך ביטערער געשריגן. דער אוילעם האָט דערפילט, אַז ס'איז שוין גענוג. דער סטאַרשע האָט נאָכאַמאָל געפּרוווט ארויסכאַפּן די שווערד, און דער יונג האָט שוין געצאַמלט, געוואַקלט זיך אויף די פיס, געגאַנגען און געפאַלן, געפאַלן און געגאַנגען. דאָס אויג איז שוין אָנגעלאָפן אונטערן שטערן, ווי די גרעסטע קאַרטאָפליע גרויס — שוואַרץ און פאַרצויגן. דער קאָפּ איז צעשונדן. שטיקער פעל מיט שטיקער האָר הענגען נאָך. דאָס בלוט האָט דעם קאָרק געוואַשן און איבער די פּלייצעס גערונען — קאַם מע האָט אים דערפירט, אים מיטן פּאָטער, צו דער קאַנצעליאַריע.

אצינד האָט זיך דער אוילעם א לאָז געטאָן צוריק איבער דער גאַס זוכן „שטרייקערס". צוזאַמען זײַנען אויך געלאָפן פאַרברודיקטע פּענעמער מיט אויסגעשמירטע בערד, די ארבעלען פון די בלוזע העמדער פאַרשאַרצט און מיט „פּראַווידלעס"[10] אין די הענט... און געזוכט האָט מען אין אַזוינע שטיבער, ווו עס איז קיין שטאַרקער טאַטע נישטאָ, קיין צו גרויסע מישפּאָכע. און איינעם האָט מען גע־ כאַפּט אונטער דער בריק, און ער האָט זיך באַהאַלטן אין דער זײַט, ווו דאָס־וואַסער איז אויסגעטריקנט אין די היצן, האָט מען אים שוין געלאָזט ליגן אויף דער שוואַרצער, ווייכער ערד דאָרט, און ווייסט גאָט צי האָט ער נאָך געקענט מיט אַן אייווער רירן. דאָס פּאָנעם צעהאַקט, ברוין און בלאָ, געשוואָלן, אַז מע האָט קיין אויג נישט ארויסגעזען. די ליפּן פאַרברענט, און מע האָט אים איבערגעלאָזט, ווי אַן אָפּגע־

ריסענעם זאק שעטשקע נאָך א יאריד. און ווידער ווערט א געקאָך: די ברידער דעם געהארגעטנס פאָרן שוין, זיי פאָרן... מע האָט געגעבן א דעפעשע נאָך זיי אף דער ווארשעווער ליניע, — ווו זיי פאָרן ארום מיט א גאנצער כעוורע שוטפים, שפילן אין „טשערוואָני־ראז", „טשערוואָני־דווא". און דער אוילעם האָט זיי שוין ווי מיט ליכט אויסגעקוקט. דאָ וועט זיך ערשט אפדאָסנייַ מאכן... און אין האלבן טאָג האָבן א פּאָר פערד מיט א וועגעלע, פול אָנגעפּאקט מיט פאר־שווינען, געזועצט איבערן שאָסיי גלייַך אין שטאָט אריין, מע האָט די פערד נישט געקענט אייַנהאלטן, אינמיטן לויפן זייַנען די פארשווינען אראָפּגעשפּרונגען פון דער פור. קאפּעליושן, און אזוי יונגען אין מאַ־רינארקעס, מיט לאקירענע שטיוול און גלאנצנדיקע דאשקעס — די ברידער מיט די שוטפים און נאָך צו עטלעכע פרעמדע, מינסקער פאָביטניקעס. אין די הענט האָבן א בלישטש געטון בלאנקע מעסערס מיט רעוואָלווערן און מע האָט זיך געלאָזט לויפן אין מארק ארייַן מיט געשרייען איבער דער גאס: „אונדזער ברודער, אונדזער בלוט!"...

זייַנען זיי דאָס ערשטע ארייַן צום ברודער אין שטוב. אף דער ערד איז ער געלעגן, מיט א ווייס לייַלעך איבערגעדעקט און מיט ברענענדיקע ליכט צוקאָפּנס, און ארום אים איז געלעגן דאָס ווייַב מיט א פולער פּאָדלאָגע קינדערלעך, איינגעטיפט די קעפּלעך בא די זייַטן פון פאָטער. און ווי די ברידער האָבן דאָס דערזען און א דעק אָפּ געטון דאָס פּאָנעם, האָבן זיי זיך א וואָרף געטון אף דער ערד צווישן די קינדער און גענומען זיך שלאָגן אין די קעפּ אריין — „גוואלד, אונדזער ברודער!"... און די שטוב איז געוואָרן פול מיט געשרייען און הארצרייַסנדיקע קוילעס. האָבן די שוטפים זיך צוגערוקט צו דער טיר און געוואָלט ארויס מיט די מעסערס אין די הענט, איז דאָס ווייַב צוגעלאָפן און מיט ביידע הענט פארשטעלט די טיר און יאָמערלעך געוויינט: אז איר וועט שוין אפילע די גאנצע שטאָט אויסשעכטן, וועט מייַן־מאַן אויך ניט לעבעדיק ווערן...

זיי האָבן זיך אוועקגעדרייט פאר ראכמאָנעס און די מעסערס אין די קעשענעס אריינגעלייגט.

נאָר אפן הויף האָבן זיי שטעקנס און העלצער געכאַפּט און זייַ־נען ארויס אף דער גאס.

פון די וו ערשטאטן האָט מען ארבעטער ארויסגענומען. פון די

בוידעמער אראָפּגעשלעפּט און געפירט זיי אונטערן געהילך פון די שטעקנס. דער גאַנצער מאַרק האָט ווי אין אַ קעסל געקאָכט! מע לויפט אַרום צעהיצט מיט אָנגעצונדענע געזיכטער, מיט אַ בלוט־דורשטיקייט אין די ברענענדיקע אויגן, פּענעמער פלאַקערן, און בלוט האָט אין דער לופט געשפּריצט, איבער קעפּ אין בלוט איינגעטונקען, די שטיינער האָבן זיך אין בלוט געוואַשן. דער הימל גרוילט, די זון איז רויט. אַ שעכטהויז אַרום און אַרום, און דער גאַנצער מאַרק איז פאַרהעמערט און פאַרהאַקט.

אין דער אייגענער צייט האָט זיך איטשעלע איבערן מאַרק באַוויזן מיט אַן איינזערנעם פּרענט, וואָס ער האָט ערגעץ פון אַ לאָדן אָפּגעדרייט, אין דער האַנט. מיט איין־שטאָלענע טריט האָט ער זיך איבערן מאַרק אַדורכגעשניטן. מענטשן קוקן אים נאָך מיט שרעקלעכע אויגן, און ער האָט זיך שוין אין מאַרק־געסל אַריין אַראָפּגעלאָזט. פון דאָרט ווייטער אין אַ גאַס אַריין, און ער איז צו צו אַן אָפענעם פענצטער פון אַ איינזיק פייגע־ליבעס הויז.

— ווו זיינען זיי, די גזולן? — האָט ער אַ פרעג געטון הערשלען, אַרומקוקנדיק זיך איבער די ליידיקע וואַרשטאַטן...

— וואָס פאַר אַ גזולן? — איז יענער בלאַס געוואָרן ווי די וואַנט.

— צעלאָפּן?...

— צעלאָפּן... אָ... אָט ליגן די שוסטער־מעסערס... — איז הערשעלע ערשט צו זיך געקומען, אויסשפּרייטנדיק ביידע הענט, ווי אַן אומגליק וואָלט אים געשען...

איטשעלען האָט זיך דאָס פּנים פאַרקרימט און, אָפּטרעטנדיק פון פענצטער, האָט ער אַ שמעטער געטון דאָס אייזן אָן דער ערד!

ער האָט אָנגעהויבן צו אַנטלויפן, ווי משוגע, און פון מיטן וועג האָט ער זיך צוריק געכאַפּט — אַ כאַפּ געטון דאָס אייזן און איז ווייטער אַנטלאָפן, ווי עמעצער וואָלט אים בײַ די האָר געריסן — אַזוי ווילד, אַזוי צעטראָגן.

אַז דער אייגענער גאַס האָט ער נאָך אין איין פענצטער אַריינגעקוקט און ווייטער נישט געפונען קיינעם.

אַצינד איז ער שוין רויק געוואָרן. און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן

קאָפּ האָט ער ווייטער געשפּאַנט, טראָט בא טראָט, און די הענט מיט דעם אייזן פאַרלייגט הינטערן רוקן.

אָנקומענדיק אַפּ א גאָס, איז ער פאַרבייגעגאַנגען פאַר א הויז, ווו ער האָט דערהערט א געשריי און א שרעקלעכן געדודער פון הינטער דער הויז־טיר. ער איז אַרוף אַפּ דער שוועל און שטיין געבליבן פאַרגליווערט. די גאַנצע באַנדע מיט די שטעקנס און דעוואָלווערן אין די הענט זיינען דאָ געשטאַנען אַפּ דעם הויף און האָבן געסטראַשעט אין אָפּענעם פענצטער אַריין... און אָט האָט מען א פיר אַרויס געטון איינעם, טעוועלען, א יינגל פון א יאָר אַכצן, וואָס האָט דאָ געאַרבעט ביי געריי, פון טיש אַוועק האָט מען אים אַרויסגענומען, נאָך מיט די פאַרשאַרצטע אַרבל. א פאַרסאַמטן בליק האָט יענער אין דער אָפּענער הויז־טיר געוואָרפן... איטשעלע האָט דאָס דערזען, און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געקנאַקעריי איבערן קאָפּ — האָט ער, איטשעלע, מיט א ווילדן קרעכץ זיך אָנגעכאַפּט אָן דער טיר, ווי איינער, וואָס האָט די וואָג פאַרלוירן פון א שרעקלעכן שמייס, און געריטשעט האָט ער ווי אַן אָקס. שרעקלעך האָט זיך זיין געזיכט פאַרקרומט, און די אויגן, ווי צוויי שפּיזן, האָבן אין געשלעג אַריין געקוקט... ער האַלט זיך אָן דער טיר מיט פאַרהאַקטע ציין — א מריטשען פון אומבאַהאָלפנקייט. אַן אָקס אונטער די שטריק האָט געמריטשעט, ווען מע האָט אים מענאַצייעכט גע־ווען — און באַלד האָט ער זיך א כאַפּ געטון און איז אַרויס אַפּ דער גאָס. דערשלאָגן איז ער און פאַרסאַמט ביז אין לעצטן טראָפּן בלוט!

ער איז אַוועק אַהיים און א וואָרף זיך געטון אַפּ זיין בעטל מיטן פּאָנעם אַראָפּ — דאָס גאַנצע בעטל האָט זיך געוואָרפן מיט אים צוזאַמען, געציטערט, געקרעכצט מיט אים צוזאַמען. פון יעדן קרעכץ, יעדן וואָרף — האָט די שטוב געציטערט, דער בעליק וועט אײַנפאַלן און די ווענט וועלן צעלייגט ווערן. די מאַמע און די שוועסטערלעך מיט די ברידערלעך האָבן נאָך פונדערווייטנס געקוקט אַפּ אים, און אַפּ די שפּיץ נעגל זיינען זיי געקראָכן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם...

אַזוי איז ער אָפּגעלעגן א גאַנצן מעסלעס אַפּ איין אָרט, קיי־נער האָט אים ניט געטשעפּעט, נישט געפרעגט...

צומאָרגנס, אז ער איז נאָר פון בעט אראָפּ, האָט ער מיט די ערשטע ווערטער געפרעגט, וואָס טעוול מאכט, און אז די מוטער האָט אים געענטפערט, אז מע ווייסט נישט, צי ער וועט לעבן, האָט ער דעם קאָפּ אראָפּגעהאָנגען.

און אים האָט זיך פאָרגעשטעלט טעוולס בליק, וואָס ער האָט גע־וואָרפן אין הויז אריין: קען דען א לעבעדיקער אזוי קוקן?... — האָט ער געטראכט. דאָס פּאָנעם איז אים שטארק פארענדערט געוואָרן, בלאס און אין די אויגן איז געלעגן דער געוויינלעכער, פייכטער גלאנץ...

ער איז ארויס פאר דער טיר און האָט זיך דערוווּסט פון פעלד־שער, אז טעוולען וועט גאָרנישט זיין.

די זון האָט אים גלייך אין פּאָנעם אריין באגעגנט.

א העלע ליכטיקייט איז איבערן מארק אויסגעגאָסן, און איטשע־לע האָט די ברעמען צוגעמרוּשעט און נישט געקענט קוקן אין דער ליכטיקייט.

נאָר א שטילקייט עס איז... צו שטיל — האָט זיך אים געדאכט. די געוועלבלעך שטייען אָפן. די קרעמער אין די טירן. פּונקט ווי אמאָל... זיי קוקן אין מארק אריין. נאָר שטיל, צו שטיל... א ריינער, בלאָער הימל, און אויך שטיל... די זון פינקלט און ציטערט צו. א יאם ליכטיקייט האָט זיך צעגאָסן. די אָפּגעווייסטע מויער פון די מארק־געוועלבער בלאנקט. נאָר א שטילקייט... ווי נאָך א לעווייע...

ער האָט זיך פארטראכט, איטשעלע... א פּאָר שניידערלעך מיט מאשינען אף די פּלייצעס — איינגעהויקערט די קעפּלעך מיט די שפּיץ בערדלעך אויסגעשטעקט אונטער דער מאסע, און די עקן פּאָלעס פון די צעלאָזטע כאלאטלעך האָבן זיך ווייטער און ווייטער נאָכגעווישט אָן דער ערד. איטשעלע האָט דעם קאָפּ אויסגעדרייט — ער האָט זיך דערמאָנט אָן מענאשע איינזנקרעמערס טויט... ווען ער איז נאָך אף דער ערד געלעגן, האָבן שוין די טעכטער געגאנוועט, איינע אונטער דער אנדערערס וויסן — דאָס יאָנטעוודיקע געפעס פון בוידעם אראָפּ... נאָר אצינד איז ער שוין אף אלץ באשטאנען, אבי טעוולען זאָל גאָר־נישט שאטן...

פארנאכט, ווען איטשעלע איז געזעסן אין שטוב, איבערגעביסן און א גלאָז טיי צוגעטרונקען, — ווייל נאָך א טאָגעס וויל די מאמע,

ער זאָל דאפקע טרינקען א גלאָז טיי, — זיצט ער אזוי, קומט אריין א קליין יינגל מיט פארפלאמטע בעקלעך און לויפט־צו צו איטשעלען:

— איטשעלע, — רוימט ער אים איין, — ווארשעווער זיינען אראָפּגעקומען, ארבעטער... מיט רעוואָלווערן... אונטער דער שטאָט שטייען זיי!

איטשעלע האָט א וואָרף אנידער געטון דאָס גלאָז אפן טיש און איז אוועק מיטן יינגל.

באלד האָט זיך אין מארק אריין א שיט געטון א ביסל כעווערע, א מאן אכצן, און איטשעלע אינדערמיט, קאפעלוישלעך מיט מאָדנע בלאסע פּענעמער און שטילע אויגן. ס׳איז נישט היימלעך געווארן. דער מארק האָט אָנגעהויבן צו שווייגן און צו קוקן... קרעמערס און קרעמערקעס שטייען שוין אין די טירן פון די געוועלבלעך, מיט א רעטעניש אין די אויגן, און האלטן שוין גרייט א פוס פון דער שוועל אראָפּ, נאָר די טירן צו פארקלאפּן.

נאָר דאָס מאָל איז שטיל אריבער. די לעווייע איז נאָך באנאכט געווען, און די שלעגערס זיינען זיך שוין פאנאנדערגעפאָרן. נאָר די ברידער — „זיינען זיי דאָך ברידער" — האָט איטשעלע געזאָגט...

האָט זיך דאָס שטעטל אומזיסט דערשראָקן און פון די לאָדנס פארמאכט, צומאָרגנס איז שוין זייער געביין נישט געווען. מענטשן האָבן דערציילט, אז זיי האָבן נאָך אויסגעשאָסן אין דער לופט, איידער זיי — זיינען ארויף אף דער פור...

אין שטעטל איז צוריק שטיל געוואָרן, און אלע האָבן שוין געוווּסט, אז פון היינט אָן איז איטשעלע די אָרגאניזאציע...

דאָווידל אדוואָקאט האָט זיך ווייטער ווי א יאָסעם ארומגעדרייט, און טיילמאָל, פאר בענקלעכקייט, פלעגט ער זיך צורוקן צו וועלכן עס איז פון די אכדעס־לייט און דערציילן אים פון די צייטונגען און לויבן די ביאליסטאָקער שטרייקערס מיט די באקוועמע סרייפעס — ביז אין טאָג אריין.

גאנץ יאָנטעוו האָט זיך דער הימל נישט אויסגעלייטערט. עס האָט געקאפּעט און געקאפּעט, נאָר סימכעסטוירע איז געוואָרן אביסל פריילעכער. דאָס יונגווארג האָט זיך אף דער גאס ארויסגעדרייט און

געמאכט א קלאַפּ אין בעסמעדרעש בא די האקאָפעס — וואָס קלאַפּ הייסט... אָדער ווי איטשעלע זאָגט — א „זבענק״.

דאָס איז געווען דער אָנהייב אפ א גאנצן הויכער. אין א צייט פון אלגעמיינע שטרייקן, אָדער ווי בא אונדז הייסט דאָס — „אלטע געמיינע שטרייקן״, פאָרט מען צוריק נישט ארויס. די פאצעטלעך זיינען געבליבן אינדערהיים, און דאָס שטעטל האָט געמאכט פאר זיך שאבעס: א שטרייקל לויט יעכוילעס [48].

דערנאָך האָט מען זיך דערוווּסט פון די נייס־צייטונגען און פון די פראָקלאמאציעס, אז דאָס הייסט א „גענעראל־שטרייק״...

האָבן זיך אלע טאָג געזאמלט אפ דער גאס גאנצע קופּעס יונגען, ווי הונגעריקע וועלף, א גאנצן טאָג אריין און ארויס פון טשיינע, די טיר רוט נישט, יונגען פון אינוויינעק, יונגען פון אויסוויינעק, מע דרייט זיך און מע קוקט זיך איינער דעם אנדערן אין די אויגן אריין, עפשער וועט מען קענען דערוויילן עפּעס כאפּן „גוט־ברודערשאפט״, אָדער לייען אפ דערוויילן, אבי נישט ארומצוגיין אזוי טויט־הונגעריק... שפעטער,—אז עס וועט זיך מאכן ארבעט, לאכט זיך אזא שטייגער אויס... דערווייל אָבער איז נישט גוט. מע מוז געפינען אן אייצע, אנישט איז א סאָף פון דער וועלט... גיט מען זיך א לאָז איבער דער גאס, א שטיק דרייסיק יונגען, גלייך צו ארג שויכעט.

דערזעט ער די בראָך, רוקט ער זיך אָפּ אין א ווינקל אריין און קוקט מיט א בלאס פּאָנעם און דערשראָקענע אויגן... דאָס ווייב ווידער, א דיקלעך מענטש, קריגט זי באלד דעם שלוקעכץ, הייבט זי אָן צו קרייען און כעוורע — נאָך, איז עס געווען ווי א האָן, אשטייגער, מיט מעשוירערים, און עס איז געוואָרן א געקרייערייַ אין שטוב, איז מען געקומען פון דער צענטער גאס צו לויפן, און קעפּלעך האָבן זיך אין די פענצטער באוויזן... דערווייל געפינט א יונג א גרויס ברויט אין א שענקל, ווערט עס צעפּפיקט ווי א שווארצער האָן, און שטייענדיקערהייט, פארפלאמט איז עס געוואָרן... „עס איז נאָך גוט, וואָס זיי טוען די היטלען נישט אויס צום עסן״ האָט זיך דער שויכעט אין זיין ווינקעלע געטראכט... און איז קאם אביסל צו זיך געקומען. ער האָט לייכטער אָפּגעעטעמט און געפרעגט: קינדערלעך, וואָס איז אייער באגער?...

— אונדזער באַגער, אונדזער באַגער, — האָבן זיך עטלעכע אַ כאַפּ געטון, — איר עסט קאַהאַלעשע פּופּקעס, דרויבעס, פּיסלעך מיט פליגעלעך, און אונדז ווילן מיר ברויט!...

— אַבי נאָר ברויט, אַז דאָך נאָך נישט אַזאַ אכזריעס... — האָט דער שויכעט געזאָגט און צוגעשאָקלט מיט די הענט, — הערט זשע, קינדערלעך, — האָט ער זיך נעענטער צוגערוקט, — זאָגט מיר וויפל לעפּיערעך זאָל איך אייך געבן געלט אַף ברויט?...

— צען רובל!... האָט זיך איינער אַ כאַפּ אַרויס געטון.

— צען, צען!! — האָבן אַלע צוגעפּאַסעוועט.

— איך קען נישט... איר ווילט מיר ווײ טון, — האָט ער געענטפערט.

— וואָס פאַר אַ ווײ טון. וואָס פאַר אַ ווײ טון, נישט מער ווי אַף ברויט מיט אַ שטיקל הערינג פאַר אונדז אַלע!...

און דאָס ווייב איז דערווייל געשטאַנען אין אַ ווינקל באַם קוימען. דאָס געזיכט אירס האָט זיך מאָדנע געקרימט, די ליפּן האָבן העפּטיק געדרודערט און די ברעמען האָבן געציטערט.

— יויכעוועד. — האָט זיך דער שויכעט אָנגערופן, — מיילע, אַז ייִדן ווילן ברויט, מוז מען זיי געבן... ברענג מיר אַריין פון שאַכן צען רובל.

זי איז געגאַנגען און, שטיין בלייבנדיק אַ ווײַלע אין דער טיר, האָט זי זיך אומגעדרייט און אַ צייט לאַנג נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון מאַן, דערנאָך האָט זי אַ בליק געוואָרפן אַף דער כעווּרע: צווישן וועמען זי לאָזט אים איבער!...

ער וואָלט שוין אַפילע געפונען באַ זיך אין שטוב אַ צען רובל, נאָר גיי, וויין זיי אַ וועג...

כעווּרע האָט געקריגן די צען רובל אַף דער האַנט און אַרויס אַף דער גאַס מיט אַ „הוראַ!” אַז ייִדן און ווייבער זיינען פון וועג אַראָפּגעלאָפן און געשעדיקט זיך לויפנדיק.

דערנאָך האָט זיך ערשט געמאַכט אַ לעבן אין דער טשיינע. דאָרט איז איטשעלע אויך געווען. איז מען געשפּרונגען איבער טיש און איבער בענק, און איטשעלע האָט געשריִען: לעבט, ברידער!! און געטייל פּעטשלעך אין די פּלייצעס אַריין: אַז איר קענט זיך קערעווען, זענט איר יונגעלעך!...

אזוי האָט עס זיך שוין געפירט טאָג אױס טאָג.

און דאָס שטעטל האָט זיך טאָג אױס טאָג נאָך מער דערוווּסט, וואָס די נײַס־צײַטונגען שרײַבן, און געהערט אַלץ מער מײַסעס און כּידושים פֿון די שטרײַקער אין די גרויסע שטעט. פֿון וויטעס פּאָ־ליטיק האָט מען שוין גאָרנישט געוואָלט הערן — קײן רעטעכל וואָלט קײנער נישט געגעבן פֿאַר איר. מע ווייסט דאָך, אַז די באַנען אַפֿילו שטרײַקן !...

און פּלוצלינג קומט אָן אַ ידיעה פֿון פּאָגראָמען... גאַנצע צעט־לעך פֿון שטעט און שטעטלעך... שרעקלעכע מײַסעס פֿון „כוליגאַנעס" און „שוואַרצע מייעס", וואָס האָבן ביכער אויפֿגעשניטן... זויגנדיקע קינדער די קעפּלעך צעדריקט... אַ שוידער האָט אָנגעכאַפּט. די פּע־נעמער ווערן גרין און געל, די הויט — געגרינצלט. אַן אײמע באַ־פֿאַלט דאָס גאַנצע שטעטל פֿון גרויס ביז קלײן. מע שמועסט, אַז די כוליגאַנעס רוקן זיך... זײ זײַנען שוין אין וואַרשע. פֿיר טויזנט שטיק זײַנען אָנגעקומען מיט דער טעראַספּאָלער באַן. רעב אַווראָם פֿײַנבערג האָט שוין געלאָזט צומאַכן גראָבע פֿרעטנס צו די טירן, און דער פּראָסטער עולם, וואָס האָט נישט קײן אײגענע טירן און נישט מער, ווי ווײַב און קינד און אַ צעבראָכן טישל, קלערט אַ טאָנעס צו מאַכן, גײט אַרום מיט פֿינצטערע פּנימער, שוואַרץ ווי די ערד. אַפֿילו איטשעלע האָט שוין דעם קאָפּ אַראָפּגעהאָנגען...

פֿאַרנאַכט, אױפֿן בלײַערנעם הימל האָבן זיך וואָלקנדלעך, ווי גראָע ערדענע טעפּ אין טריבן וואַסער געטונקט, די פֿענצטער האָבן געקוקט מיט אַ שטילקייט אין גאַס אַרײַן, און אומעטיקע ייִדן מיט בלאַסע אַראָפּגעלאָזטע פּנימער האָבן זיך געדרוקט אין בעסמעדרעש אַרײַן צו מינכע־מײַרעוו.

דער עולם איז פֿאַרטיפֿט געווען אין שמועסן פֿון הײַנטיקע צײַטן. דער רוב פֿון די פּאַפּיראָסן האָט זיך אונטערן בעליק צע־לייגט. די ליכט־פֿלעמלעך האָבן זיך ווי אין נעפּל געטונקט, און דער באַלטפֿילע איז געשטאַנען מיט די פֿלײצעס צום ברעטל און אױפֿן אוי־לעם געקוקט. דעמאָלט האָט זיך אין בעסמעדרעש אַרײַן — באַוויזן דער באָד־גוי, מיט דער פֿוטערנער קוטשמע אויפֿן קאָפּ, צעקנעפּלט דאָס גראָבע, וואַטענע לײַבל פֿון אונטער וועלכן עס האָט אַרויסגעקוקט אַ שטיקל „קאַרטשיק" פֿון ברודיקן העמד. ער איז געבליבן שטײן בײַ

דער טיר מיט בלישטשענדיקע אויגן, ווי א קאָטער קוקט פון א פיע־קעליק [49] אראָפּ און האָט עפּעס געשמאָטשקעט מיט די ליפּן, וואָס האָבן אזוי אָפט נאריש געשמייכלט אונטער די בלאָנדע, אָפּגעלאָזטע וואָנצעס. א פּאָר ייִדן, וואָס זיינען הינטערן בעלעמער געשטאנען, האָבן אים אָנגעקוקט: צי מיינט ער נישט אמאָל, אז היינט איז פריי־טיק צו נאכט... און באלד האָט ער געהאט א גאנץ רעדל ארום זיך.

„סטאכ" אָבער האָט נייס צו דערציילן... און ער דערציילט, אז די „כוליגאנעס" זיינען שוין אפן וועג, מע האָט זיי געט־אָפּן אפן וואר־שעווער שאָסיי, נאָר א גליק וואָס זיי טרעטן דערווייל אָפּ אין אנ רערע, קליינע שטעטלעך... ייִדן האָבן מויל און אויערן אופגעשטעלט, געצאפּלט. געוואָלט אים אין די אויגן אריינקריכן, אפ די אקסלען זיך אָנהענגען. געוואָר צו ווערן פון אים דעם גאנצן טאָך... און סטאכ פוילט זיך נישט, מיט ייִדן לעבט ער זייער גוט, און דערציילט נאָכאמאָל און נאָכאמאָל, ביז ייִדן זיינען אין אצוועס אריינגעפאלן, געשאָקלט מיט די קעפּ און געזיפצט.

און שפּעטער איז כאנעלע בערטשעס, די טוקערן, יעקומען צו פאָרן פון א דאָרף בא דער סטאנציע, וווהין זי האָט אָפּגעפירט פון מיקווע אין א מאנס פעלץ איינגעוויקלטע ייִדענע.. איז זי געקומען און דערציילט פאר די שאָכנטעס, אז די ייִדענע אליין האָט טאקע געזען אינדערפרי א פּאָר קאצאפּן אין רויטע העמדלעך, און אין לייביקעס מיט פאלבן ביז צו די קני האָבן זיך ארומגעדרייט אפ דער סטאנציע... דאָס זיינען געווען די „כוליגאנעס" טאקע. און מיע־דייע [50], צי זיינען שוין נישטאָ גאנצע הונדערט אזוינע...

די שאָכנטעס האָבן אויסגעהערט מיט זיפצן: „גאָט דערבארעמ־דיקער", און ווישנדיק די הענט איינע אָן די אנדערע, האָבן זיי זיך איינציקווייז פון שטוב ארויסגעשארט. זיי זיינען שוין נישט גלייך אהיים, נאָר אָפּגעטרעטן צו אנדערע שאָכנטעס. די צווייטע צו די דריטע און אזוי איינע צו דער אנדערער, ביז מע האָט עס שוין אין בלענדיווער שטיבל דערציילט. און דערציילט האָט מען עס, אז האָר און נעגל האָבן זיך קאפּויר געשטעלט: הונדערט „כוליגאנעס" מיט שפּיזן און מעסער זיינען שוין אפ דער סטאנציע — א לאדע מינוט קומען זיי אָן...

מע האָט אָנגעהויבן די לאָדן צו פארמאכן, אין גאס איז כוישעך

שטיל... מע האָט נאָר פּישטשענ אונטער די פאַרמאַכטע לאָדנ גע־הערט... אונ צווישנוויַיז האָט מענ געקענט טרעפנ לויפנ א צעטומלטנ ייִדנ, וואָס האָט זיך מיט שרעק אומגעקוקט בא יעדנ געסך, בא יעדנ ווינקל און איז וויַיטער געפלויגנ מיט פּאָלעס, צעלאָזטע אינדער־לופט, ווי די פליגל פונ א וויעטראַק [51] וווהינ לויפט אזא שטייגער ייִד, קענ מענ נישט וויסנ, א כיבא אינ באָד אפנ בוידעם ארופ אונ־טער די בעזימלעך ארונטער...

אינ דער טשייַנע זייַנענ געזעסנ יונגענ אפנ טיש אונ אפ די בעטנ, נאָר אלע מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ: שטיל, קיינער רעדט נישט א וואָרט...

פלוצלינג האָט איטשעלע אינ שטוב זיך אריינגעבראָכנ, ווי א דונער:

— וואָס זיצט איר? — האָט ער א געשריי געטאָנ, — איר ווייסט בא וואָס עס האַלט?

דער אוילעמ האָט אימ אָנגעקוקט.

— אונ אז מע ווייסט?...

— איר גייט מיט מיר?... ווער גייט נאָך קאָסעס צו עטלענ אינ אייזנ־געוועלב?...

דער אוילעמ האָט זיך א הייב געטאָנ אונ געקוקט אפ איטשע־לענ איבערגעגעבנ.

ער האָט אויסגעקליבנ נאָר עטלעכע אונ איז מיט זיי אוועק.

אינ א ווײַלע ארומ איז איטשעלע מיט די אונטערהעלפער געקו־מענ צוריק צו לויפנ מיט בינטלעך קאָסעס אפ די הענט. מע האָט זיי פאַרנאַנדערגעבונדנ אונ עס איז געוואָרנ אָ געכאַפּעריי, די פּענעמער האָבנ זיך אויסגעלייטערט, געשטראַלט פאַר פרייד, אונ די קאָסעס אינ די הענט האָבנ געבלאַנקט מיט די אויסגעבויגענע שפּיצנ ארופ.

— צו ווייניק מענטשנ, צו ווייניק... — האָט זיך ערשט דער אוילעמ אומגעקוקט אונ מע האָט געשיקט רופנ דעמ גאַרבער־פּאַכ.

עס גייט ניט אוועק קיינ רעגע, קומענ די שילוכימ צוריק צו לויפנ, אונ נאָך זיי א מיידל מיט א דערעלע [52] אפנ קאָפּ אונ בלי־שטשענדיקע אויגנ פונ פרייד.

דאָס איז געווענ יעקלס שוועסטער, וואָס האָט די בסורע גע־בראַכט, אז יעקל איז געקומענ.

— יעקל איז געקומען, יעקל! — ווערט א געדולע.

און דער אוילעם האָט זיך א לאָז געטאָן אין גאס אריין מיט די קאָסעס אין די הענט, גלייך אריין צו יעקל סטאָליער אין שטוב. האָבן זיי אים דערזען, זיינען זיי אים באפאלן ווי די בינען, מיט א פרייד און געפאטשעריי אין די הענט און קוילעס, אז ער, יעקל, האָט נישט געוווסט, אפ וועלכער וועלט ער איז און איז געשטאנען אינדערמיט ווי צעמישט. זיי האָבן אים שיר אפ שטיקער צעריסן. אז ער האָט ערשט אָנגעהויבן מיט די הענט צו מאכן, איינגעשטילט זיי אביסל, האָט ער זיך ערשט אומגעקוקט צו די קאָסעס זייערע: וואָס איז דאָס? הא? האָט ער געפרעגט. דער אוילעם איז עפעס געבליבן ווי צעטומלט. זיי האָבן זיך ערשט דערמאָנט, אז זיי האָבן קאָסעס, און דערציילט אים פון די „בוליגאנעס".

— טפו — האָט ער אויסגעשפיגן — פראָוואָקאציע. ס'איז ליגנט: איך פאָר דאָך ערשט פון דער סטאנציע?...

כעוורע האָט די קאָסעס געלאָזט און יעקלען ארויסגענומען אין מארק אריין מיט געזאנג. א פאָר יונגענע האָבן זיך א לאָז געטאָן צו דער כעוורע „האכנאָסעס קאלע"[53] נאָך די גרויסע לאמטערן מיט די רויטע שויבן. מע האָט זיי געגעבן א צינד אָן. און אפ הויכע דרענגער זיינען זיי געווען פארזעצט, האָט עס דעם גאנצן מארק פארלויכטן. מיט א געזאנג און מיט רויטע, באלויכטענע פענעמער האָט די גאנצע קופע יונגענע יעקלען ארום די מארק־געוועלבער געפירט. אפ די ווענט פון דער מויער האָט זיך א רויטע ליכטיקייט צעגאָסן. די שויבן פון די אייבערשטע פענצטער האָבן געבליצט, און אין דער פינצטערער נאכט האָט עס אָפגעשלאָגן, ווי א פייער פון א סרייפע. קוילעס און געזאנג האָבן זיך אינאיינעם צונויפגעמישט און איבערן גאנצן שטעטל פאנאנדערגעטראָגן.

און איידער מע האָט זיך דערוווסט, וואָס דאָ טוט זיך, איז: אָס שטעטל שיר פון דער הויט ארויסגעשפרונגען. ערשט שפעטער האָבן זיך א פאָר מענער צוגערוקט צום אוילעם יונגען, יעקלען שאָלעם־אלייכעם אָפצוגעבן, און אין איינוועגס זיינען זיי געוואָרן, אז מיט די בוליגאנעס איז ליגנט די גאנצע מייסע. מע האָט גאָט געדאנקט פאר דעם כעסעד און שלאָפן געגאנגען. נאָר סייוויסיי איז שוין דאָס שטעטל נישט געשלאָפן די גאנצע נאכט.

און באלד אינדערפרי איז שוין יעקל סטאָליער מיט דעם סטארשע סטראזשניק געשטאנען באם סלופּ פון דעם מארק־ברונעם און האָבן צווישן זיך א קאטאָוועסל געפירט... יעקל סטאָליער האָט געקלעפּט פּראָקלאמאציעס און דער סטארשע האָט זיי אראָפּגעריסן, ווידער א נעץ איין מיט דער צונג און — א לייג צו צום סלופּ, און ווידער א נעם אראָפּ, און ווידער א קלעפּ אָן און ווידער — א נעם אראָפּ. זיינען זיי זיך ביידע געשטאנען, אזוי האנט בא האנט, און געקוקט זיך אין די אויגן אריין, עפּעס ווי אָפּגעשמועסט זיך, ביזוואנען דאָס גאנצע פּעקל פּראָקלאמאציעס איז איבערגעגאנגען פון יעקלס אין סטראזשניקס הענט אריין. און ערשט האָבן זיי זיך אפּדאָכניי אָנגע־הויבן צו קוקן אין די אויגן אריין, ווי איינער רעדט: נו... נו...

און יידן און ווייבער זיינען געשטאנען פונוויטנס און האָבן געשמייכלט: „וואָס א יונג קען"... — אפּאָנעם, אז ס'איז טאקע קאָנ־סטיטוציע...

דערווייל איז דער ראָוו אין קאָלפּעק, מיט די לאנגע פּייעס און אין דער וואטענער אטלאסענער זשיפּיצע, געגאנגען איבער דער גאס מיט זיינס אן אוילעם אין בעסמעדרעש אריין, טילים זאָגן. און ווי יעקל סטאָליער האָט דאָס דערזען, האָט ער ווידער אויך צונויפגע־קלאפּט זיינס אן אוילעם אין בעסמעדרעש אריין.

אינדערהייך איז שוין געוועזן א געזאָגערײ... „מיזמער לעדאָוויד" הערט מען דעם באלטפילעס קאָל, וואָס ער שאָקלט זיך פארן אָמעד מיט א רויטער פאטשיילע ארומגעגארטלט. דער גאנצער אוילעם ארום שאָקלט זיך מיט און זאָגט מיט, דעם ראָווס קאָלפּעק שאָקלט זיך אין דער וואנט אריין... און דער אוילעם ארום די טישן, נאָך אין די טאלייסים, זיצן אויך איבער די אָפענע טילימלעך און זינגען זיך וויינענדיק צו, שיר ווי די מיסנאגדים...

איז יעקל ארופ מיט דער גאנצער כעוורע זיינער אפן בעלעמער. א גאנצע מאכנע — שווארץ איז אזש געוואָרן. און דער ראָוו מיטן אוילעם האָבן זיך אומגעקוקט צערודערט.

— וואָס פאר א טילים?... האָט יעקל סטאָליער א געשריי גע־טון און א פאטש אין שולכן אריין, — היינט איז ניט קיין צייט פון טילים!...

דער אוילעם איז פארשטיינערט געבליבן און אויסגעגלאָצט די אויגן.

— היינט איז א צייט ניט פון קיין טילים, נאָר פון קעמפן מיט „בראָנ"ז!...

— גוואלד, בראָנ!!... — האָט זיך דער ראָוו אָנ וואָרט אָנגעכאפּט, געריסן זיך בא די שלייפן און געשריגן, און דער גאנצער אוילעם האָט געפינקלט מיט די אויגן — גוואלד, בראָנ... בראָנ!... נישטאָ קיין בראָנ... טילים איז דאָ! טילים!

— נישט קיין טילים, — שרייט יעקל סטאָליער נאָך העכער, — נאָר בראָנ, און טאקע בראָנ! רעוואָלווערן, פּיסטאָלעטנ!...

— גוואלד — פּיסטוילנ!... — האָט נאָך א הייסער ייִד, מיט טיפע ברעמען און שכונע־ברענענדיקע אויגן אויסגעשריגן, ארופשפרינגענ־דיק אפן ראָווס טיש, און דאָס פּאָנעם האָט געפלאָמט און די לאנגע באָרד האָט געציטערט פון מעסירעס־נעפעש, שטייענדיק קעגניבער יעקל סטאָליער.

— איר זענט א גאנעוו! — האָט יעקל אויסגעשריגן און געשפּי־לעוועט אים מיטן פינגער אין די אויגן אריין. — איר... א פאלשע וואָג... טרעט אָנ מיטן פוס אפ דער ענגלישער וואָג. איר וועגט „זשעפּיק" די פויערים...

— ייִדן, שעכטצ!... ייִדן, „קידעש־האשעמ", 55 — האָט דער ייִד מיט א וויינענדיק, ציטערדיק קאָל אויסגעשריגן און אופגעריסן די מאלבושים אפן הארצ און געקוקט מיט פייערדיקע בליקן.

— אראָפּ, אראָפּ! — איז געוואָרן א געשריי פון איבערן בע־לעמער.

די פענעמער האָבן זיך אָנגעצונדן. פויסטן האָבן זיך איבער די קעפּ געהויבן.

— טילים, טילים! — איז געוואָרן א געליארעם און א צערו־דערטקייט צווישן אוילעם פארן אָמעד. און דער ייִד מיט די טיפע ברעמען האָט אזוי ווי ער שכייט און גייט געגעבן א געשריי ארויס — „מיזמער לעדאָוויד בבר־ר־ר"...

— שא, שא, שא!! — איז געוואָרן א געפּאטשעריי מיט די הענט אפן שולכן, און איינער האָט א וויַיז געטאָן א רעוואָלווער.

— גוואלד! — איז א געטומל געוואָרן און א געשטרעקעריי הענט צום ייִדן אפן טיש און מע האָט אים אראָפּגעכאפּט, מיט צע־

מישטע פּענימער און אויסגעגלאָצטע בוילעטע אויגן, קוקנדיק אַפן בעלעמער אַרוף...

— די כעוורע אפן בעלעמער האָט זיך א ריר געטאָן צו די טרעפּ־לעך, און דער אוילעם פארן אָמעד האָט די פענצטער אופגעריסן און אַרויסגעשפּרונגען — אַרויס, אַרויס!...

ציַיט איינ מינוט איז דאָס בעסמעדרעש אויסגעראַמט געוואָרן. עס זיַינען מער ניט געבליבן, ווי עטלעכע אַלטע ייִדן און דער ראָוו, וואָס איז געזעסן אינ זיַין ווינקעלע מיטן פּאָנעם צו דער וואנט און געוויינט, ווי א קליין קינד, אָפּוואשנדיק זיך מיט טרערן. און עטלעכע ייִדן אינ די טאלייסים, וואָס זיַינען געזעסן בא די הינטערשטע טישן, זיַינען געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערטע און גע־קוקט מיט דערשראָקענע פּענעמער צום ראָוו.

און א ווינט האָט זיך דורך די אָפענע פענצטער ארייַנגעריסן און געפאָכט מיט דעם פּאָרויכעס פארן אָרנקוידעש... געפּאטשט אינ די טירלעך אריַין, פאַרוואַרפנדיק א פּאָלע מיטן אונטערשלאַק ארוף. און ווידער צעפּאָכעט דאָס פּאָרויכעס אינדערלופטן, און צעפּעלבלט האָט עס זיך און געצויגן, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט אָפּריַיסן און זיך ערגעץ ארויספליען דורך א פענצטער... און פון דרויסן האָבן זיך געשרייען, אויסגעמישטע קולעס געהערט: „הורא! הורא!״...

— דאָס זיַינען די יונגען איבער דער גאס געפלויגן, ווי א צעלאָזטע סטאדע: הורא! הורא!... און איטשעלע אפילע האָט זיי שוין ניט געקענט איינהאלטן. מיט אופגעשטעלטע הענט האָט ער זיך אקעגן געשטעלט און געשריגן: גענוג, גענוג! און יעקל אויך דאָס אייגענע — נאָר כעוורע איז געווען צופיל צעהיצט... די געוועל־בער האָבן זיך פארקלאַפּט איינס נאָך דאָס אנדערע, און כאַוורע האָט זיך וויַיטער און וויַיטער געלאָזט מיט קולעס און געשרייען.

פלוצלינג קומען אָנצולויפן נאָך עטלעכע יונגען, אָפּגעסאַפּעט און מיט פארפלאַמטע פּענעמער: כאַוויירים, כאַוויירים, — אַראָפּ אינ דער „סאָנד״־גאס ארייַן, מע טריַיבט ארויס דעם „סענדזשע״... 56 מיט — די „פּשאָריקעס״ און נאָך און נאָך, געשווינד, געשווינד!

— קינדער א סאָפּ! — האָט יעקל סטאָליער אויסגעשריגן!

— א סאָפּ, א סאָפּ!...

— עס לע־ב־ע — — —

— הורא!! הו־רא־א־א — — —
און דער אוילעם האָט זיך א לאָז געטאָן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און פארן „סאָנד" האָבן זיי געגעבן א קום אָן, ווי א שווארצע, גערדיכטע כמארע. א רעדל מיט גויִים איז שוין פון פריער געשטאַנען דאָרט, און פענעמער מיט פענעמער האָבן זיך איינענעם צונויפגעמישט, אלע אפ איין קופּע און אלע האָבן צו די פענצטער פון „סאָנד" געקוקט...

פלוצלינג האָבן זיך עטלעכע א ריר געטאָן פאָרויס, און דער גאנצער אוילעם איז נאָך אריין אין „סאָנד" — — — — — — — —

באלד איז פון דאָרט ארויס דער סודיא, א צעטומלטער, ווארפנדיק שרעקנדיקע בליקן אפ אלע זייטן, נישט ווייסנדיק אָן וואָס זיך אָנכאפּן, און ווי א שטורעמווינט וואָלט אים א כאפּ געטאָן, האָט ער זיך א לאָז געטאָן איבער דער גאס מיט צעפלויגענע פּאָלעס פון מאנטל און אין גאָלן קאָפּ...

כעוורע האָט געמאכט א „הורא", ביז ער איז פארשוואונדן אין עק גאס, ווו דער קאָמאָרניק וווינט...

אין דער אייגענער נאכט נאָך האָט מען זיי פון די בעטן ארויסגענומען. און באגינען, די דעכלעך האָבן זיך נאָך אין גראָלעכן נעפּל געהילט, און שטיל איז געווען, נאָר וואָס א קלאנג פון א פּרענט, וואָס איז אָפּגעשפרונגען אָן א וואנט ערגעץ, האָט מען געקענט הערן, דעמלט האָבן זיך שוין באלעבאטים פון די שטובן ארויסגערוקט און דערציילט זיך נייַס אייגער דעם אנדערן, וואָס די נאכט איז געשען. מאמעס מיט בלאסע פּענעמער און פארוויינטע אויגן האָבן זיך בעוויזן אפ דער גאס. און אפן פּלאץ פאר דער קאנצעלאריע זיינען געבונדענע זין געשטאנען, ארומגערינגלט מיט זעלנער... זעלנער אין גראָע שינעלן און קליינע ריַיטער־ביקסלעך איבער די פּלייצעס. דאָ זענען איטשעלע און יעקל סטאָליער אויך געווען און קימאט אלע זייערע כאוויירים. נאָר צוויי, וואָס האָבן אהער נישט געפּאסט: איינער א ייִד פון א יאָר פערציק מיט א שווארצער באָרד און ערנסט בלאס געזיכט, וואָס מע האָט אים גלאט אזוי ארעסטירט ווייל ער האָט נישט געלאָזט א סאָלדאט, ער זאָל אָן דעם עלטסטן מאכן א רעוויזיע בא זיך אין שענק, ווו דעם ווייַבס ביסל צירונג

איז געלעגן. און דער צווייטער איז א פויער געווען — א פויער אין זײַן גראָען סוקמאַן, מיט זײַן פּראָסט געזיכט און אומשולדיקע טאַ־מעוואַטע אויגן. עס האָט זיך אים פאַרגלוסט שפּעט באַנאַכט אין שטאָט צו פאַרזוימען, און גייענדיק פון א שענק — נאָך א לידל צו זינגען זיך...

— „פּאַוולע“, — האָט אים א לאָבוסל א פרעג געטאָן, ווען דער פּאַטרול האָט אביסל אָפּגעטראָטן, — פּאַוולע... אי ווי טאַ?...

— „נו, פּאַטש־זשע, קאָקאַני“ [57] — האָט דער פויער א צעשפּרייט געגעבן ביידע הענט און דאָס געזיכט האָט זיך אים העפּטיק פאַר־קרימט, — „זא סוווי גראָש וויפּיטש — אי טאָ נע וואָלנאָ“ [58]

עס זײַנען געקומען אָנצולויפן נאָך עטלעכע צענדליק זעלנער אַף די פערד און אַן אָפיצער פּאָרויס. א פּאָר וועגעלעך מיט פוי־ערשע פורמאַנעס זײַנען צוגעפאָרן, און דער אָפיצער האָט פון פערד אראָפּ א ווײַז געטאָן, אז די כעוורע זאָל אופזיצן.

זיי האָבן זיך אײַנגעזעצט אין די פורן, געדיכט. איינער צום אנדערן. די פערד מיט די רייטנדיקע זעלנער האָבן שוין פאַר אומ־געדולד אַף קיין אָרט נישט גערוט, געוואָרפן מיט די קעפ און גע־קלאַפּט מיט די קאָפּיטעס אָן דער ערד, ביז' די וועגעלעך האָבן א ריר געטאָן פון אָרט און די זעלנער האָבן זיי א רינגל ארום גע־טאָן, נאָכרייטנדיק.

ארײַנפאָרנדיק אין עק גאַס, האָט דער אָפיצער א מאַך געטאָן מיטן קאָפּ צו די זעלנער. זיי האָבן זיך א כאַפּ געטאָן פאַר די שיידלעך — און דאָס געקלאַנג און געבלאַנקעריי פון די גאָלע שווערדן האָט אופגעבליצט... איבער דער שטאָט איז מען געריטן לאַנגזאַם... די געבונדענע זײַנען געזעסן אַף די וועגן מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ און בלאַסע געזיכטער און די זעלנער ארום זײַנען נאָכגעריטן, טריט בא טריט, קאַם צושאָקלענדיק זיך איבער די זאָטלעך אופ און אָפּ. די גאַס איז פאַרהאַמערט, ווו עס איז שוין א לאָדן אָפן געווען, האָט מען אים געשווינד פאַרמאַכט, ווו א געוועלבל — פאַרהאַקט. שטיל איז געווען ווי אין אַן אויער, די גאַס האָט דעם אָטעם אײַנ־געהאַלטן... און עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס געקלאַפּערײַ פון די פערדס טריט און דאָס געקלאַנג פון די שפּאָרן. עס וואַרפט אַן

איימע. די גאס, דאכט זיך, וועט אונטער די פארמאכטע לאָדנס אויס־שטארבן, און דאָ ציט עס זיך אזוי לאנגזאם, ווי בא א לעווייַע.

אפ דער בריק האָבן זיי א נעמ געטאָנ אביסל גיכער און זייַנען אוועק איבערן שאָסיי...

דער גראָער מאָרגנ־נעפל האָט זיי פארהילט און אין זיך אייַנגעזאפט... און פונדערווייַטנס האָט זיך דאָס אויסגעוויזן, ווי א שווארצער וואָגלענדיקער פלעק, וואָס לאָזט זיך ערגעץ וואנדערן אין דער ווייַטער וועלט אריַין...

# א דאָר גייט אוועק, א דאָר קומט
## (דויר הוֹילעכ ווערויר באָ)[69]

אנ אויסגעשטערנטע נאכט. א הייליקע פּאָרכטיקע סליכעס־נאכט. שטילע פינקלדיקע שטערנדלעכ קוקנ אראָפּ פונ הויכנ בלאָענ הימל אפנ האלב איינגעשלאָפענעמ שטעטל. אינ מאנכע הײַזער איז מענ נאָכ וואכ. בא זעליק שוסטער איז נאָכ אָפנ טיר אונ פֿײַער, אונ זײַנע געזעלנ זיינענ אזוי־פארטיפט אינ דער ארבעט, אז [illegible]מערקנ נישט די ליכטיקע אייגעלעכ פונ הימל, וואָס האָבנ געוווּנקענ צו זיי דורכ די אָפענע פענצטער. די בליצ־לאָמפּנ אינ שטוב בלענדנ זיי די מידע אויגנ, אינ זיי לאָזנ זיי גערנווילליק אראָפּ צו דער ארבעט.

פארנומענער פאר אלע איז דער לאנגער נאָטע. ער וויל זיכ פארשלאָגנ מיטנ האמער די געדאנקענ; זיי לאָזנ זיכ אָבער נישט.

„עס גייענ אזעלכע הייליקע טעג. אנ אויצער געלט דארפ מענ... אונ פונוואנענ? איבערנ זומער האָט ער נישט פאריבעריקט קיינ רובל... פאר זיכ עפּעס צו קויפנ אפ יאָנטעוו, איז קיינ רעדע נישט, זאָל נאָר אינ שטוב זײַנ צו לײַטנ גלײַכ".

„א מאסע הויצאָעס: אפ ראָשעשאָנע — ברוינע פייגל... אפ יאָמ־קיפער — אויפּעס; כאָטש צו איינציקע קאפּאָרעלעכ פאר יעדנ קינד.

דערנאָכ גייט ערשט סוקעס. מע זיצט מיט מענטשנ אינייינעמ אינ סוקע, דארפ מענ האָבנ א לעשטשיקל, צוקערבאָבעס גרויסע, — נישט פארשעמט צו ווערנ פאר לײַט. — אונ ער טרײַבט זיכ צו: בעסער ארבעטנ אינ דער נאכט ארײַנ, אבי צו זיינ א מענטש צווישנ מענטשנ".

אונ ער הייבט אונ לאָזט אראָפּ אלצ האסטיקער אונ האסטיקער דעמ האמער אפ דער הארטער פּאָדאָשווע, ארומפּאָרנדיק מיט איר איבערנ שטיינ, וואָס איז געלעגנ אפ זײַנ אויסגעדארטער, דינער קני. כאימל, זײַנ אכצניעריק יינגל, וואָס העלפט אימ אונטער אונ

גרייט אים צו ארבעט, זיצט אָן דער זײַט, קימאט הינטער דעם פּאָ־טערס אקסל, און קאָוועט א שטיוול, קלאַפּנדיק שוואַך און לאַנגזאַם מיטן העמערל. די פּלעקלעך האָבן זיך דאָס מאָל נישט גלאַטיק גע־גליטשט אין דער געלעכערטער זויל אַרײַן. טייל צעבראָכן זיך, טייל שפּרינגען אינגאַנצן אַוועק, גלײַך זיי וואָלטן געװאָרט זייער יונגן מײַס־טער, שפּילנדיק מיט אים אין באַהעלטעניש, קוים מאַכט ער צו איין אויג פאַר מידקײַט. ווען די מידקײַט באַפאַלט אים פון צײַט צו צײַט, דעמלט טוט ער זיך א וויג, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ צו דער שויס; נאָר, דערשפּירנדיק דאָס קאַלטע אײַזערנע העמערל באַם שטערן, כאַפּט ער זיך אויף און קוקט זיך אום מיט צוויי אָפענע, דערשראָקענע אויגן, צי לאַכן נישט פון אים די געזעלן. מע האָט עס גראָד נישט באַ־מערקט, נאָר ער בייזערט זיך אָפּ זיך אַליין: „עס איז קיין טאָכ־לעס נישט צו שלאָפן". ער ווייסט ...ז דער פאָטער וועט וואַרטן אויפן שטיוול. „פע, א מיִעסע זאַ...

אום מער נישט אײַנצושלאָ..., לייגט ער אַוועק דעם שטיוול און גייט צום קובל וואַסער, דערפרישט זיך מיטן קאַלטן וואַסער דאָס פּנים מיט די אויגן און גייט שטאָלץ צוריק צו דער ארבעט.

אויפן וועג וואַרפט ער א דרייסטן בליק צום וואַנט-זייגער: „אַ־וואַ, האַלב צוועלף! מע דאַרף זיך צורירן". ער אײַלט זיך צו זײַן אָרט, און פון אונטערן העמערל שיטן זיך לעבעדיקע קלעפּ איבער די קעפּלעך פון די אומרויִקע שטיפטן. ווי א האָגל שיטן זיי זיך, די קלעפּ, און קלינגען אָפּ פון די לערע גרויסע פעסער, וואָס שטייען אינדרויסן באַם אָפענעם פענצטער, אָפּוואַרטנדיק מע זאָל זיי אָנפּאַקן מיט שוכ...אַרג און אַוועקשיקן אין רוסישע גובערניעס.

---

עלקע, א דיקלעך ווײַבל, ווי עס פּאַסט פאַר א באַלעבאָסטע, איז געשטאַנען באַם קוימען און געפּרעגלט פּעטס אויף א פּאַטעלניע. דער־בײַ האָט זי פון דער וועטשערע אויך ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג. זעליק, דער מאַן, דאַרף באַלד צוריקקומען פון גאַס, און זי רירט זיך צו, ער זאָל טרעפן דאָס עסן פאַרטיק. געשיקט טוט זי פלוצלינג א גאָס נאָך עטלעכע לעפל פּעטס אויף דער פּאַטעלניע, דער זאָד פון צאַפּלדיקן פּעטס אויף דער קאָכנדיקער פּאַטעלניע וועקט דעם לאַנגן נאָ־כטען פון זײַנע יאָנטעוודיקע דײַגעס.

— אָט אזוי איז א טײַנעג! — טראכט ער, אַן אויג וואַרפנדיק צום קוימען, — גרויסע באָבעס מיט ברייטע קלאָרע פערפל, מיט א יויך באגאָסן, דערנאָך מיט פעטס... א מײַכל! דאָס מעג שוין ראָט־שילד עסן! — דאָס וואסער קומט אים אין מויל אַריין... דערביי דער־פילט ער אָבער, אז דאָס הארץ ווערט אים אויך וואסעריק, אז דער געשמאק פון „ראָטשילדס מײַכל", וואָס צעגייט זיך אין שטוב, שוואכט אים וואָס אמאָל מער אָפּ.

ער קען לענגער שוין ניט זיצן און ער דרייט זיך איבער צו כאַיִמלען און זאָגט אים:

ווי האלסטו מיט דער ארבעט? שוין צייט צו גיין אהיים.

— באלד, טאטע, — ענטפערט כאַיִמל דערפרייט. און אין א ווײַ־לע ארום האָבן זיי ביידע אוועקגעלייגט די ארבעט, אָנגעטון די כאַ־לאטלעך און געווונטשן א גוטע נאכט דער באלעבאָסטע, דערביי האָט נאָטע א פרעג געטון, ווי ער, איר מאן, קען זיך אצינד געפינען. זי פרעגט: צו וואָס? און ער ענטפערט, אז ער דארף א ביסל געלט. עלקע גיט א צי מיט די אקסלען, אז זי ווייסט ניט, און נאָטע מיט יינגל האָבן זיך א לאָז געטון צו דער טיר, זאָגנדיק נאָכאמאָל „א גוטע נאכט" צו דער באלעבאָסטע מיט די איבערגעלאָזטע געזעלן.

---

אפּ יענער זייט שוועל האָט נאָטע דערזען פאר זיך דעם שײַ־נעם לויטערן הימל מיט די פינקלענדיקע שטערן און האָט דערפילט, אז זיין הארץ ווערט פול מיט שטילער פרייד; דעם הונגער האָט ער פארגעסן.

— גאָט האָט באשאפן אזא שיינע וועלט! — זאָגט ער צו כאַיִ־מען און טראכט באלד, אז דאָס אלץ איז נישט פאר די, וואָס מוזן זיצן און ארבעטן אין שטוב! דאָס זאָגט ער שוין כאַיִמלען נישט.

— פארנאָסע! — טראכט ער ווייטער, — מע מוז אהיים ברענגען כאָטש א קערבל...

נישט ווילנדיק טוט ער זיך א טאפּ אין קעשענע און דונצלט איין דעם שטערן. „וואָס זי וועט זאָגן, וועט זי גערעכט זיין" — טראכט ער — „זונטיק געגעבן איר א רובל, נו, איז שוין, געלויבט איז גאָט, דינסטיק באנאכט. איר שווער ביטער הארץ וועט זי, דאכט זיך, צו אים אויסגיסן".

ער וויל זיך קלאָר מאכן, צי וועט עס נאָך קענען אויסהאלטן

דאָס מאָל אהיים צו קומען אָן געלט. ער פּרוּווט זיך טרייסטן: עס איז שוין שפּעט, אַצינד דאַרף זי דאָך קיין געלט נישט! דעם טאָג איז זי שוין איבערגעקומען, עלע מאָרגן? וועט ער באַלד אינדער-פרי כאַפּן צוויי־דריַי רובל און אהיים ברענגען. אָבער נאָכן גאַנצן יישעוו־האַדאַס איז אים דאָך שווער אהיים צו גיין מיט די ליידיקע הענט. „זי ווייסט גאָרנישט, ווי שווער עס קומט אָן דאָס קערבל אַרויסצוקריגן!" — פאַרענטפערט ער זיך פאַר זיך אַליין. „זי מיינט, איך רעד נישט, מאָן נישט! רעד, אַז ווען מע דאַרף אַ רובל, ווערט ער נעלעם!". „קום, טאַטע!", וועקט אים כאַימל, אַנרירנדיק אים באַם אַרבל. נאָכן באַמערקט עס נישט און שפּרייַזט נאָך שטילער. ער דערמאָנט זיך, אַז נאָך באַם אָנבייַסן האָט זי אים דערמאָנט און ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט איר שפּעטער שיקן. האָט זי, נעבעך, געמוזט שוואַרצן זיך דאָס פּאָנעם און גיין באָרגן אַף וועט-שערע אין קלייטל. און עפּשער האָט זי גאָרנישט באַקומען! דאָס וואָלט שוין גאָר שרעקלעך געווען. ניין — באַפעסטיקט ער זיך אין דער דייע — אַזוי גייט מען נישט אהיים!

כאַימל ציט אים באַם אַרבל און ער טראַכט: ווען כאָטש אַ צוויי זיבעטע רובל, גיי איך אַף אַן אייַזערנער בריק... איך קום אהיים מיט אַ מיילי־יושער... וואָס איז געווען איז געווען, נאָר געוווּסט וואָלט זי, אַז מאָרגן האָט זי מיט וואָס אַרויסצוגיין אין גאַס אַרייַן... עס וואָלט געווען ווי באַ לייטן... ווי אַמאָל... זי וואָלט אים גאָר אַנדערש מעקאַבל־פּאָנעם געווען... זי וואָלט געווען אַזוי ליב... דאָס טעלערל פון הימל וואָלט זי אים צוגעבויגן.

— הער, כאַימל! ווענדט ער זיך צום זון, — דו גיי אהיים, און איך וועל אָפּזוכן זעליקן און כאַפּן באַ אים אַ ביסל געלט.

— וועסט'ן דען געפינען אַצינד?

— עפּשער. ר'איז אוודאי אין שענק.

כאַימל לאָזט זיך עס צוויי מאָל נישט זאָגן, נעמט זיך אַראָפּ אין אַ זייַט גאַס, און זייַנע יונגע פלינקע טריט הערן זיך וואָס אַמאָל ווייַטער און ווייַטער און ווערן באַלד פאַרשטילט.

---

די געסלעך זייַנען שוין שטיל און ליער, די קליינע נידעריקע הייַזלעך שלאָפן שוין לאַנג מיט פאַרמאַכטע לאָדן, ווי אַראָפּגעלאָזטע

ברעמענ אפ פארשמאכטע אויגנ. זעלטנ, דורכ א שפאלט פונ אנ איינ־
געטריקנטנ לאָדנ, ציטערט ארויס א רויטלעכע שיינ און לייגט זיכ
איבער דער ברייט געסל, ווי א העל פאסיקל. ס'מערט שלאָפט מענ
שוינ, און נאָטעס מידע אויגנ און מידע פיס האָבנ זיכ אויכ געבעטנ
רו. נאָר ער האָט געמוזט שפאנענ איבער די שטילע געסלעכ. די
ברעמענ זיינענ אים שווער געוואָרנ, ווי בליי, די פיס הייבנ זיכ קאם,
אינגאנצנ פילט ער זיכ, ווי נאָכ א לאנגנ שווערנ טאָנעס. אזוי דער־
גרייכט ער די שול־גאס.

און ער שפרייזט ווייטער און איז פונ דער שול־גאס אריינ אינ
מארק, ווו ער האָט פונווייטנס דערזענ די שענק, צו וועלכער ער
איז געגאנגענ. די טיר פונ שענק איז שוינ צוגעמאכט. עס איז אָבער
נישט מעגלעכ! ער גלויבט זיינע אויגנ נישט און גייט־צו פרווונ די
טיר. און ער האָט זיכ דערפרייט, אז זי איז נישט מער, ווי צוגע־
לענט פאר יויצע זיינ. ער האָט דאָכ נישט געוווסט, ווי צו כאפנ
וואָג: „אריינגיינ, צי נישט אריינגיינ?" ער קלערט, אז גלייכ אריינ־
קומענ, עמעצנ זוכנ, און גאָר נישט געבנ צו לייזנ האָט גאָר קיינ
פאָנעם נישט. און צוריק גיינ מיט וואָס ער איז געקומענ ווילט זיכ
אים אוואדע נישט. וואָס טוט מענ?... וואָלט ער געהאט א פינפ קאָ־
פיקעס, טראכט ער, אומזיסט זוכנדיק אינ ביידע זייטל־קעשענעס,—
ווענ ער האָט פינפ קאָפיקעס, וואָלט ער אריינגעקומענ טרינקענ א
גלעזל ביר און וואָלט אגעוו געוואָרפנ א בליק אינ איינ שטוב, אינ
דער צווייטער, ביז ער וואָלט דערטאפט. נאָר טו עפעס אָנ א גראָשנ
בא דער נעשאָמע. אזוי פאסט נישט... ער וועט זיכ אומזיסט נאָכ
איינרייסנ דאָס פאָנעם... איז ער אפילע דאָ, זיצט ער נישט אליינ,
זיצט ער מיט א גארבער, און שמועסט וועגנ יוכטנ, צי מיט א
סויכער, און רעדט וועגנ עקספעדיציע. „נו, — טראכט ער טרויעריק —
וועל איכ... נאָטע... צוגיינ גלאט פונ דער העלער הויט: זעליק, איכ
דארפ געלט... ניינ! עס פאסט נישט" און נאָכ א לאנגנ יישעוו בא דער
טיר פונ שענק, האָט ער זיכ איבערגעדרייט און צוריק אהיימ געגאנגענ.

---

מירעם איז נאָכ ניט געשלאָפנ. אָבוואָל זי איז שוינ געלעגנ אינ
בעט. באימל האָט איר איבערגעגעבנ, אז דער טאטע איז געגאנגענ
אופזוכנ זעליקנ, און זי האָט וואכנדיק געווארט אפנ מאנ מיטנ געלט.

אינ קלײנעמ נידעריקנ שטיבל האָבנ געעטעמט אכט נעפּאשעס: מי־
ריעמ מיט צוויי קינדער זײנענ געלעגנ אינ אײנ בעט, כאימל אינ דער
העלפט פונ צווייטנ; די צווייטע העלפט האָט ער איבערגעלאָזט פארנ
פאָטער. צופוסנס דעמ מענישנ בעט אפ א שלאָפבאנק שלאָפנ צוויי
קינדער, איבערגעדעקט מיטנ פאָטערס אנ אלטער קאפּאָטע. נאָכ אײנס
ליגט קעגניבער דער שלאָפבאנק, אפ אנ אלטמאָדישנ, פלאכנ קאסטנ,
צוגעדעקט מיט דער מוטערס פאטשײלע, נישט ווײט פונ איר בעט.
דאָס בלאסע פענעמל אפנ טונקל קלײנעמ קישעלע, וואָס איז אָנגע־
שפּארט אָנ קוימענ, שימערט פאר בלאסקײט. איבערנ קוימענ שײנט א
קלײנ לעמפל אונ ווארפט זײנע דינע, טרויעריקע שטראלנ צומ שאָכנ,—
דעמ מעשענעמ, פונ פליגנ געשפּרענקלטנ הענגל־לײכטער. דאָס אָרע־
מע פײערל האָט אויכ אזוי טרויעריק געקוקט אפנ גאנצנ קלײבאיס;
דעריקער — אפנ קלײנעמ רויט־געפארבטנ טישל מיט דער ווײס־
האָלצערנער שטול, מיט דער צעפלאצטער דעק, וואָס פלעגט זיכ אָפּט
עפענענ, ווי פליגל פונ א סוקע. עס הערנ זיכ טריט אונטערנ פענ־
צטער, מיריעמ דערקענט דעמ גאנג אונ שטעלט אָנ די מאטע אויגנ
צו דער טיר, אינ וועלכער דער „לאנגער נאָטע" האָט זיכ באלד בא־
וויזנ. שטיל ווי א גאנעוו איז ער ארײנגעקומענ, אונ געהיט זיכ, די
טיר זאָל באמ עפענענ אונ פארמאכנ קײנ סקריפּ ניט טונ. אפ די
שפּיצ־נעגל איז ער צוגעגאנגענ צום טישל, אויסמײדנדיק דעמ הענגל־
לײכטער, פונ וועלכנ ער האָט שוינ ניט אײנמאָל געכאפּט א פּסאק
פאר קריכנ אימ אינ וועג ארײנ. ער ווארפט א פרווונדיקנ בליק אי־
בער מיריעמס בעט, צי זי שלאָפט נישט, אונ דערזעט אירע אָפענע
אויגנ, זי קוקט אפ אימ, באטראכט זײנ אויסגעדארטע פיגור, זײנ
בלאס געזיכט, אונ פלוצלינג דערפילט זי צו אימ אזא הארציקע מיט־
לײד, אז זי וואָלט אימ די נעשאָמע אוועקגעגעבנ, אבי ער זאָל בא־
ווײזנ א פרײערנ מוט. זי ווײסט, אז נאָר צוליב איר אונ די קינ־
דער ווערט ער אזוי פארשווארצט אונ געפּײניקט. זי שטארקט זיכ
אונ פרעגט שטיל, ווי א שטילע טויב: „נאָטע, האָסטו געפונענ?" ער
שאָקלט מיטנ קאָפּ: „נײנ"! זי פארשטיקט א זיפצ אונ זאָגט אימ:
„נעמ דיר דאָרט די וועטשערע פונ אפנ קוימענ". אונ גיט צו מיט
א שווער הארצ: „נאָר וואָס פאר א טאמ וועסטו שוינ פילנ... באָ־
בעלעכ מיט פערפל, אז סע שטײט לאנג"... אונ ער טראכט: „באָבע־

לעכ מיט פערפל... טאקע א שאָד, פרישערהייט שמעקט עס גאָר א מײַכל״... ער װענדט זיך צום קוימען, נעמט ארויס א טעפּל פון קאַלטן אַש, און צוריקגייענדיק צום טיש, נעמט ער מיט דאָס לעמפל מיט דער צװייטער האנט. „געװאָרן א פּאפּ דערפון, א פּאפּ צום װאָרשטאט״,—זאָגט ער, נעמענדיק דעם לעפל צום מויל. ער דערמאָנט זיך אָן זעליקס װעטשערע: „א שיינער כילעק״—טראכט ער און בייזערט זיך באלד אפּ זיך אליין, װי עס פאלט אים גאָר איין צו פארגלייכן זיך מיט זעליקן. „קאפּצן־איינער!—טראכט ער—אויך מיר א מענטש!...״ פיל עסן קען ער דאָך נישט: „פּאָרט א פּאפּ״, און מער נאָך—פּאר מידקייט. ער האָט אװעקגעשטעלט דאָס טעפּל און הייבט אָן אפּנבעט זיצנדיק צו לייענען „קרישמע״. נאָר ער ענדיקט זי אויך נישט און װערט איינגעשלאָפן אין די קליידער. ביסלעכװייז האָט דער הימל אָנגעהויבן העלער װערן אין מיזרעך זײַט...

ענדלעך איז טאָג געװאָרן... מיריעם האָט אראָפּגענומען פון קאסטן דאָס פארשלאָפענע קינד און אריבערגעטראָגן עס צו זיך אין בעט אריין. נאכער האָט זי גענומען די פאטשיילע איבערן קאָפּ, און איבערלאָזנדיק דעם מאן אין שטוב, איז זי אװעק זײַן מארק אריין. דאָרט האָט זי זיך אָפּגעשטעלט נישט װײַט פון די טישלעך מיט געבעקס. „נאָר באָרגן און באָרגן — טראכט זי—פון אופשטיין ביזן שלאָפן״. עס איז איר שװער אזוי באגינען צו נעמען אפּ באָרג. „זי געטרויט מיר אפילע, אָבער אזוי פרי! זי האָט נאָך עפּשער קיין „פּאָטשאָנטעק״ נישט געהאט... און עס קומט איר שױן אזוי אויך צװיי גילדן מיט צװעלף גראָשן״. זי שטעלט זיך אָפּ נישט װײַט פון טישל און קלערט: זאָל זי צוגיין, פילט זי, אז דאָס בלויז פאלט איר צו די פיס פון שרעק, טאָמער זאָגט מען איר אָפּ, און צוריק אהיים גיין מיט ליידיקע הענט איז איר א װייטעק... זיי (כאימל און דער מאן) װעלן דאָך אװעקגיין צו דער ארבעט אום איבערגעביסן. איידער זי האָט דעם יישעװ [60] האָט זיך די בעקערן גראָד אומגעקוקט און האָט ־זי דערזען — „װאָס שטייסטו דאָרט, מיריעם? קום אהער!״ — האָט זי גערופן. מיריעם איז צוגעגאנגען, שפּירנדיק, אז אירע אויגן ציען זיך צו דער ערד. נאָר זי האָט זיך געשטארקט אָנצוקוקן די בעקערן אין פּאָנעם אריין. „גוט מאָרגן״! גוט מאָרגן!״ „איך האָב קיין הארץ נישט געהאט צו זאָגן

אייך ?..״ — האָט מיריעם פאַרשעמט ארויסגערעדט. „נו, נו ס׳שאדט ניט״! — האָט זי די בעקערן געטרייסט — „זאָל דיר ווייל האקומען, וואָלט איך אזא דייַגע געהאט מיט די כויוועס בא די היגע שיינע באַלעבאטים, ווי איך האָב א דייַגע מיט דיין כויוו!״

מיריעמען איז אראָפּ א שטיין פון הארצן. זי הייסט זיך אָפּוועגן צוויי פונט פלעצלעך. „ווייסט, טאָכטערשע, וויפל עס איז שוין ?״ „יאָ, צוויי מיט צוועלף פון פריער, ערשט — פערצן, איז שוין מיט זעקס און צוואנציק״, — האָט מיריעם בארעכנט און איז אוועק אהיים.

א גליקלעכע איז מיריעם אהיים געקומען. אפ נאָטעס געזיכט האָט זיך אויך באוויזן א שוואכע שייַן פון א שמייכל, דערזעענדיק, אז זי טראָגט עפּעס אין פארטעך, זי ציילט די פלעצלעך ארויס אפן טיש. און ער ווערט צוריק ערנסט און פארטראכט: „זי האָט ניט פארמאָגט דערופ, ווייטער זיך דאָס פאָנעם פארשווארצט...״ און ער פילט זיך זינדיק קעגן איר. ער האָט זיך געוואַשן און געזעצט צום טישל עסן. זי איז געזעסן אפן בעט און געקוקט אפ אים. זי זעט, ווי בלאס, ווי „טויט״ ער זעט אויס, און איר הארץ אנטגייט און דערפילט זיך מיט גרויס ראכמאָנעס אפ איר אויסגעמאטערטן מאן. ער דערשפּירט אירע ראכמאָנעסדיקע אויגן און טראכט: „א דימיט! זי קוקט נאָך אפ מיר אזוי גוט... לוי דייַ, וואָס איך גיב איר ניט קיין געלט צו דער צייט און איר דארט דער קאָפּ אפ וועטשערע, אפ אָנבייַסן...״ ער ענדיקט דאָס עסן מיט א זיפצ, בענטשט אָפּ און גייט צו דער ארבעט.

ער האָט שוין געטראָפן אייניקע געזעלן בא די ווארשטאטן. דער „גיכער פייוול״ האָט שוין געהאט „פארשנורעוועט״ א פּאָר צום קאָ־וועו. נאָטע זעצט זיך צו, און נישט פיל שפּעטער איז אים כאימל געקומען צו הילף. א שווערער אומעט ליגט אפ נאָטעס געזיכט. „וואָס זיצסטע עפּעס היינט אזוי ?״ — האָט פייוול געפרעגט. „עט, גאָרנישט!... סליכעס־טעג... וואָס? טאנצן זאָל איך ?״ ענטפערט נאָטע, אָן א בליק צו טאָן צום פרעגער. דערווייל איז זעליק אָנגעקומען פון גאס. נאָטע האָט געפּאסט מוט און געבעטן עטלעכע רובל. זעליק האָט אים גע־געבן דרייַ רובל. כאימלס אויגן האָבן אָנגעהויבן שטראַלן פאר פרייד, ווען דער פאָטער האָט אים דערלאנגט דאָך געלט אהיים צו טראָגן

דער מוטער, און איז מיט א רוישנדיקן קלאפּ אין טיר ארויסגעפלויגן פון שטוב. נאָטע וויל זיך אויך פרייען, נאָר ער קען נישט, עפּעס פילט ער זיך נישט גוט. ער האָט דערפילט ווי א קנויל אונטערן הארץ און באקומען א שרעקלעכן ווייטעק. פאר די אויגן איז אים פינצטער געוואָרן, און די הענט האָבן אים אָנגעהויבן שטארק צו ציטערן. עס מאכן זיך אים די אויגן צו און עס פאלט אים ארויס פון דער האנט: עס ווערט אים הייס אין אלע גלידער. מיט אלע קרעפטן עפנט ער די אויגן און וויל זיך אופהייבן און ארויסגיין זיך אפּקילן אף דער לופט, דאָרט וועט אים אויך גרינגער זיין צו אָטעמען; נאָר ער קען נישט. ער שפּירט, אז ער וועט אומפאלן ווי ער וועט זיך נאָר רירן פון אָרט. פייוול האָט עס באמערקט און פרעגט, וואָס אים איז. ס'איז מיר נישט גוט", — ענטפערט ער מיט א קורצן, שטילן אָטעם און ווייזט אים, אז עס קלעמט אים אונטערן הארץ. די כאַ־ווײרים לויפן צו אים צו, מע האָט אים געוואָלט אָנלענען אף זעליקס בעט, נאָר נאָטע גיט א צייכן, מע זאָל אים ארויספירן אינדרויסן. מע טוט זיין ווילן, פייוול נעמט אים אָן בא איינער, נאָך א געזעל בא דער צווייטער האנט און מע פירט אים לאנגזאם ארויס פאר דער טיר. זיי האָבן אים אוועקגעזעצט אף א שטיין, וואָס איז דאָרט געלעגן, און ער האָט אומעכטיק אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אָן דער וואנט מיט א פארשטיקט ברומען פון א פרעסנדיקן ווייטעק. — „ס'איז דיר בע־סער?" — פרעגן די כאוויירים. ער שאָקלט מיטן קאָפּ אף „ניין"... און קען קאם ארויסברענגען א שטיל געבעט, מע זאָל אים אָפּ־פירן אהיים. פייוול האָט געהייסן ארויסדערלאנגען פון שטוב די כאלאטלעך; זיי האָבן זיך און נאָטען אָנגעטון און אהיים געפירט אונטער די הענט. נאָטע פילט זיך אלץ שווערער און שווערער, די פיס האָבן זיך אים נאָר אומעכטיק נאָכגעשלעפּט. פאר דער טיר איז זיי מיריעם, וואָס האָט זיי דורכן פענצטער געזען, אקעגנגעלאָפן מיט א געשריי און פארבראָכענע הענט, נאָך איר — כאימל. „גאָט אין הימל!" — האָט זי פארצווייפלט ויסגעשריען — „וואָס איז מיט אים געשען? ראטעוועט! ראטעוועט א מענטש! א טאטן פון קליינע קינ־דער!" כאימל האָט ביטערלעך געוויינט און געקלאפּט זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ. „א ביסל וואסער! קאלט וואסער ברענגט ארויס" — האָט פייוול געשריגן. כאימל האָט גיך ארויסגעטראָגן א שעפּ וואסער

פונ שטוב אונ מיט האסט א גאָס געטאָנ אפנ פאָטערס געזיכט. דער פארכאלעשטער האָט געעפנט די אויגנ אונ געגלאָצט אפ אלע זייטנ, נאָר ער האָט זיי באלד צוריק צוגעמאכט שכיינים זיינענ זיכ דערווייל צוזאמענגעלאָפנ, מער געשריגנ, ווי עפעס געטונ, אונ עס האָט נישט געהאָלפנ. מע פירט נאָטענ אינ שטוב ארײנ, מע לייגט אים אפנ בעט, אונ פייוול לויפט נאָכ א דאָקטער. אינ דער לופט פונ קליינעם שטיבל, וואָס איז אָנגעפילט געוואָרנ נאָכ מיט מענטשנ פונ גאס, האָט נאָטע דעמ רעשט אָטעמ פארלוירנ... דאָס געשריי אונ געוויינ ווערט העכער. דערופ קומט אָנ דער דאָקטער, וואָס האָט שוינ געטראָפנ צוגעלייגטע ווארעמ־פלעשער אונ האָט זיי פארטוישט אפ הייסע קאָמפרעסנ, אויכ האָט ער א רעצעפט פארשריבנ אונ איז אוועקגעגאנגענ. נאָטע איז אלצ קימאט ווי אָנ אָטעמ. מיטאמאָל האָבנ זיכ אים הויכ אופגעריסנ די ברעמענ, די אויגנ האָבנ זיכ פונ קאָפ ארויסגעזעצט אונ איבערגעקערט זיכ מיט די שווארצאפלענ ארופ אונטערנ שטערנ. ער האָט אָנגעהויבנ כאָרכלענ: ער גויסעסט. מעווינים זאָגנ: קאָנוווּלסיע. מע האָט געכאפט אנ ערדענעמ טאָפ מיט א מולטער, די מולטער האָט מענ אָנגעשפארט אָנ א קאָפנ־ברעטל פונ נאָטעס בעט אונ גיכ א שטארקנ קלאפ געטונ אָנ איר מיטנ טאָפ. די שערבלעכ זיינענ זיכ צעפלויגנ מיט ראש, אז דאָס בעט האָט געציטערט. דאָס האָט געהייסנ גאווריעל טאָקער, וואָס איז געשטאנענ די גאנצע צייט לעבנ נאָטעס בעט. א סגולע — זאָגט ער — פונ בערדיטשעווער, זיכרוינע לעוואָכע! נאָטע איז א ווײלע געבליבנ שטילער, נאָר ניט אפ לאנג. באלד האָט זיכ אים דאָס געזיכט מעשונע אויסגעקרימט. זיינע אויגנ האָבנ בא אים שארפ אונ געשווינד אופגעגלאָצט, ווי בא א צאנקנדיק ליכט, אונ האָבנ זיכ באלד צוריק פארשלאָסנ... אונ עס האָט זיכ צוריק געהערט דאָס כאָרכלענ פונ האלדז.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט עמעצ.

— די „טרויעריקע קלעזמער" — ענטפערט פייוול מיט א ביטערקייט אינ דער שטימע.

א פאָר מאָל רייסט ער זיכ אונ ווארפט זיכ, זוכנדיק לופט, ווי א פריש געפאנגענע פישל זוכט וואסער. דערנאָכ א שטארקער אונ לעצטער כאָרכל... אונ נאָטענ איז אויסגעגאנגענ די נעשאָמע. מע האָט אָנגעצונדנ א ליכט, א בראָכע געמאכט אונ אראָפגעהויבנ דעמ כויכנ

אפ דער ערד. די ארויסגעשטויסענע מיריעמ באוויינט אימ פאר דער טיר. „לאָזט מיכ! — שרייט זי, — לאָזט מיכ נאָכ איינמאָל אָנקוקנ מיינ מאנ, רייסט מיר ניט אוועק פונ אימ, לאָזט אויכ צו מיינע שוועלבעלעכ, זאָלנ זיי אימ באוויינענ... קלאָגט אפ אייער בראָכ! — קלאָגט, יוגנע יעסוימימלעכ, אפ אייער טאטנ!” זי האָט זיי געוויזנ צומ פענצטער אינ שטוב אריינ: „דאָרט איז אייער געטרייער שפייזער, אומגליקלעכע פייגעלעכ...” כאימל איז געשטאנענ בא דער זייט אונ אלצ געשלאָגנ זיכ קאָפ אָנ וואנט. „זאָל שוינ זיינ גענוג” — האָבנ אייניקע מאנסלייט געשריגנ, — „נעמט זי אוועק ווייטער, ווייט... מע טאָר ניט מעצאר זיינ [61] קיינ טויטנ”. מע האָט זי מיט גוואלד אוועקגעפירט צו א שאָכנ. פייוול האָט א ווונק געטאָנ צו צוויי פונ זיינע כאוויירימ. — „קומט צו זעליקנ, מע מוז נעמענ עטלעטע רובל אפ טאכריכימ” — האָט ער זיי געזאָגט, אונ אלע דריי זיינענ ארויס פונ שטוב.

זעליקס באלעבאָסטע האָט שוינ דערפונ געוווּסט אונ איז זיי אקעגנ געלאָפנ, קלאָגנדיק אונ מיט פארבראָכענע הענט: אנ אומגליק, אזא אומגעריכטער כוו בנ. קינדער קרוינ! וואָס זאָל איכ אייכ זאָגנ: דער פינצטערער „אונסאנע טויקעפ!” [62] „נאָכ פאראיאָרנ אָנגעכאסמעט געוואָרנ!”

„ווו איז זעליק?” — האָט פייוול איבערגעריסנ די קלאָג. זי ווישט זיכ אויס די אויגנ אונ ענטפערט באלד אונ באליידיקט, אז ער וועט באלד קומענ: „זעצט אייכ! זעליק איז אויכ באלד געקומענ אונ האָט, צוגייענדיק צו זיי, געפרעגט: „איר זיינט שוינ געווענ בא דעמ גאבע פונ כעוורע קאדישע? „ניינ, — האָט פייוול געענטפערט, — מע דארפ געלט אפ טאכריכימ, כאָטש א רובל זעקס, אונ איר מוזט די טויווע טונ אונ געבנ, זעליק האָט פייוולענ א צייכנ געגעבנ, ער זאָל ניט רעדנ אזוי הויכ פארנ וויַב. עס איז אָבער שוינ צו שפעט געווענ. זי גיט אימ א צי באמ ארבל. זי וויל אימ עפעס זאָגנ אָנ א זייַט. ער מאכט זיכ נישט הערנדיק, גיט פייוולענ זעקס רובל. פייוול מיט די כאווירימ גייענ ארויס. דעמלט ערשט פרעגט ער, וואָס זי וויל אימ זאָגנ?

— ווער וועט אָפארבעטנ דאָס געלט? — פרעגט זי צאָרנדיק. — דיר כאָלעמט זיכ, אז נאָטע לעבט נאָכ?...

— נישט דיינ דייגע! — ענטפערט ער: — כאימל וועט אָפארבעטנ, דויר הוילעכ ווערדויר באַ!

# פאַרגעבונגען צו ווײַסנבערגס „שטעטל“

1־טע טעמע:

## די אַרבעטער־סוויווע בײַ ווײַסנבערגן

1. ווי אַזוי שילדערט ווײַסנבערג דעם אָנוווּקס פֿון רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־באַוווּסטזײַן בײַ די שטעטלדיקע האַנטווערקישע פּראָלעטאַריער? (ווי אַזוי אײַנשטעלע אָדער אַנדערע ווערן „כוואַריאַקעס“, די ערשטע מאַסאָווקעס אין שטעטל, די אַרבעטער אין די וואַרשטאַטן נאָך די ערשטע מאַסאָווקעס).

2. צי איז כאַראַקטעריסטיש דאָס, וואָס אין ווײַסנבערגס שטעטל הייבט זיך אָן דער קאַמף מיט יעקל סטאָליערס פּראָטעסט אין שול קעגן דעם כײַרעם אויף אַרײַנגעפֿירטן פֿייסעכדיקן מעל, דעם כײַרעם „מידאַס האַראַוו אומידאַס האַקאָהאָל“?

3. ווי אַזוי ברעכן אויס די שטרײַקן אין שטעטל, זייער פֿאַרנעם, וואָס פֿאַר אַ פֿאָדערונגען שטעלן אַרויס ווײַסנבערגס שטרײַקער, און ווי אַזוי שילדערט ווײַסנבערג דעם פּאָרטרעט פֿון אַ שטרײַקער, די „עקספּראָפּריאַציעס“ פֿון די שטרײַקער?

2־טע טעמע:

## די אונטערנעמערישע וועלט בײַ ווײַסנבערגן

1. גיט אַ כאַראַקטעריסטיק דעם אונטערנעמער רעב אויזער (נוצט אויס אויזערס דיאַלאָג מיט יעקלען וועגן דעם „אומרעכט“, וואָס די שטרײַקער באַגייען קעגן אים). וואָס פֿאַר אַ מיטלען נעמט אָן דער אונטערנעמער, כּדי צו הייבן די פּראָדוקטיוויקייט פֿון אַרבעט בײַ די אַרבעטער?

2. לייענט דורך די דערציילונג „דויר הוילעך וועדויר באַ“ און כאַראַקטעריזירט דעם אונטערנעמער זעליק (זײַן „סיסטעם“ פֿון אויס־

צאָלן געהאַלט די אַרבעטער. זײַן פּראָטעסטירן אויף רעכט פֿון אייבי־קער עקספּלואַטאַציע).

3. לייענט אויך דורך (פּריוואַטיק) די דערציילונג „צום איידעם אויף קעסט" און כאַראַקטעריזירט דעם פֿאַבריקאַנט מאָטל — זײַן דיאַלאָג מיט מענאַכעמען — זײַן „זאָרגן זיך" וועגן געזונט פֿון זײַנע אַרבעטער („צום איידעם אויף קעסט" איז אָפּגעדרוקט אין ווײַסענבערגס געקליבענע ווערק. אויסג. קולטור־ליגע, קיעוו, 1930 יאָר, אָדער אין צווייטן באַנד פֿון ווײַסענבערגס ווערק „רעאַלע קרעפֿטן". אויסג. פֿאַרלאַג „ווײַסענבערג" וואַרשע, 1925 יאָר).

4. די אויפֿירונג פֿון די אונטערנעמער („אין שטעטל") פֿאַרן אַרעסט און נאָכן אַרעסט פֿון די אַרבעטער. באַשרײַבט די היימישע קאָנטררעוואָליוציע אין שטעטל, כאַראַקטעריזירט דעם אונטערנעמערישן אגיט־פּראָפּ דאָווידל ראָזענצווייג.

3־טע טעמע :

## די רעוואָליוציאָנערע סוויווע בא ווײַסענבערגן

1. צי פֿאַרמאָגן ווײַסענבערגס „כעוורעניקעס" אַ רעוואָליוציאָנערע פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע? (צי שטעלן זיך פֿאַר זײַנע „כעוורעניקעס" די צילן און צוועקן פֿון פּראָלעטאַרישן קאַמף? פּרוּווט זיך פֿאָרשטעלן לויט די מאַטעריאַלן פֿון „שטעטל" די פּראָגראַם פֿון די „כעוורעניקעס". און וואָס פֿאַר אַ מיינונג האָט וועגן דעם גופֿא דער שרײַבער? צי מיינט ער, אַז די כעוורעניקעס פֿעלט עפּעס צו זײַן פֿולשטענדיקע רעוואָליוציאָנערן?).

2. צי פֿילט זיך אין ווײַסענבערגס „שטעטל" דער אָטעם פֿון דער רעוואָליוציאָנערער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג אין לאַנד? צי שעפּט דאָס שטעטלדיקע רעוואָליוציאָנערן מוט און גלויבן פֿון דער באַוועגונג אין לאַנד? (זוכט אויף אין „שטעטל" ערטער, וואָס מאָלן דעם קאַמף אין לאַנד, די עקאָנאָמישע פֿאַרבינדונג פֿון שטעטלדיקע מיט שטאָט).

3. וויאַזוי פֿאַרענדיקט ווײַסענבערג זײַן „שטעטל", צי גיט ער פּערספּעקטיוון דער אַרבעטער־באַוועגונג? פֿאַרטראַכט זיך אין בילד פֿונעם צווייטן אַרעסט. דערקלערט פֿאַרוואָס מאָלט דער שרײַבער אַזאַ בילד? צי וואָלט יעדער שרײַבער אַזוי פֿאַרענדיקט? (די טעמע דאַרף מען געבן מער צוגעגרייטע שילער).

## פלאַן פון בוך, אלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק

1. צי דריקט אויס דער נאָמען „שטעטל" די געשעענישן, וואָס ווערן געשילדערט אינעם דאָזיקן ווערק? וואָס פאַר א נאָמען, מער צוגעפאַסטן עפשער, וואָלט איר צוגעטראַכט?

2. פאַרטיילט דאָס ווערק אַף קאַפּיטלען און טראַכט צו צו יעדן קאַפּיטל א קעפּל. מאָטיווירט אומעטום: פאַרוואָס גיט איר אַזאַ נאָמען דעם גאַנצן ווערק, און אַזעלכע נעמען די איינצלנע קאַפּיטלען.

3. צו וואָס פאַר א גרופּע שרייבער קענט איר צורעכענען ווייסנבערגן. פּראָלעטאַרישער? מיטגייערישער? קליינבירגערלעך־רעאַק־ציאָנערער? צי בורזשואזער? פאָרמולירט אין קורצע טעזיסן אייער אויספיר (די טעזיסן דאַרפן באַווייזן פאָרמולירן ווייסנבערגס באַציִונג צו די גרונט־פראַגן, וואָס ער באַרירט אין זיין ווערק „שטעטל" (מע קען אויך צוציִען אַנדערע ווערק). (אויך די טעמע דאַרף מען געבן מער צוגעגרייטע שילער).

## אַלגעמיינע פאַרסאַכאַקלונג־טעמעס

אָרדנט איין אַף דער קאָנפערענץ א דיסקוסיע־באַהאַנדלונג פון די פאָלגנדיקע טעמעס:

1. דער טיפּ האַנטווערקער־געזעל (נאָטע, מענאַכעם) און דער טיפּ רעוואָליוציאָנער־פּראָלעטאַריער (יעקל סטאָליער, איטשעלע קאַמאַשן־מאַכער) אין ווייסנבערגס שאַפונג. צי האָט ווייסנבערג אַלץ דורכ־געמאַכט די רעוואָליוציע פון נאָטען־מענאַכעם צו דעם רעוואָליוציאָ־נערן פּראָלעטאַריער? און וואָס פאַר א באַטייט האָט עס געהאַט פאַר זיין קינסטלערישער שאַפונג?

2. אונטערנעמער און פּראָלעטאַריער אין ווייסנבערגס שאַפן. דאָס שילדערן אונטערדריקונג, עקספּלואַטאַציע, אונטערנעמערישע גענאַרעריי און דאָס שילדערן רעוואָליוציאָנערן קאַמף, רעוואָליוציאָנערע טיפּן. וועלכע ליניע איז דעם שרייבער קלאָר און וועלכע פאַרנעפּלט? דער באַטייט פונעם דאָזיקן פאַקט פאַר ווייסנבערגס שאַפונג.

3. וואָס איז אונדז נאָענט און וואָס איז אונדז פרעמד אין ווייסנבערגס שאַפונג. די פאַרבינדונג פון ווייסנבערגס אידייִשער באַ־גרענעצטקייט מיט זיין קינסטלערישן מעטאָד. די דאָזיקע דיסקוסיע־באַ־האַנדלונג קאָן דורכגעפירט ווערן אין אָרדענונג פון געווע צווישן די שילער.

# קורצע ביבליאָגראפיע

פון קריטישן מאטעריאל וועגן ווייסנבערגס און אשס „שטעטלעך" (פאר די לערער).

## 1. פון אונדזוערדיקער קריטיק

1. ליטוואקאָוו — י. מ. ווייסנבערג (פאָרעדע צו ווייסנבערגס געקליבענע ווערק. אויסג. קאָאָפּ. פארלאג קולטור־ליגע קיעוו, 1930 יאָר).
2. ליטוואקאָוו — „א קלאפ אין טיש און א לעק דעם שטיוול אין בוך „אפ צוויי פראָנטן" אויסג. צענטערפארלאג, 1931.
3. מאקס עריק — „פון שטעטל" ביז „שלוימע נאָגיד" אין בוך „ש. אש" מינסק 1931 יאָר. אין דער פאָרעדע צו דער אויסגאבע.
4. י. נוסינאָוו — ש. אש, — ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע 1 באנד (פארלעג אין וועסטניק אינסט. ליטעראט. נום. 6 פארג 1926 יאָר).

## 2. פון דער בורזשואזער און קליינבירגערלעכער קריטיק.

1. באלמאכשאָוועס — III באנד „דריי שטעטלעך", צווייטע אופלאגע. ווילנער פארלאג.
2. באלמאכשאָוועס — I באנד י. מ. ווייסנבערג פערטע אופלאָגע פארלאג שרעבערק.
3. ניגער — וועגן ווייסנבערגן I באנד וועגן שאָלעם אשן (אין די ערשטע צוויי בענדער).
4. „ליטעראַרישע וואָכנשריפטן" ווארשע, מארט 1932 יאָר פארגן 25. 18. 11. 4. וועגן ווייסנבערגן.
5. „צוקונפט" ניו־יאָרק, יונ 1932 יאָר — וועגן ווייסנבערגן.

# באמערקונגענ

1. בעליק — סטעליע.
2. ספּראַווינקעלעך — געשעפטלעך.
3. „אָגורניקעס" — וואָס ארבעטנ אפ הורט.
4. א „רוימ" — אויסראמענ.
5. „פּסאָכימ" — געמאָרע.
6. מעסיכטע — א געמאָרע.
7. מידאס האראוו אומידאס האקאָהאָל — פונ ראָווס אונ קאָהאָלס נאָמענ, וויסנ.
8. קיינ העכשער — קיינ דערלויבעניש.
9. מאָעסכיטנ — נעדאָוועס קלוימערשט פאר אָרעמעלייט אפ מא־צע, פאקטיש — אנ אומדירעקטער שטייער. בוכשטעבלעך — ווייצי געלט.
10. שולכאָנ — טיש.
11. ארצי מעכוצעס־פּאָנעמ — גרויסער באלהאָזעניק.
12. שטראָלקעלעך — שטיינדלעך (צייכנ).
13. „סטעמפּע" — אזא שטויסל אפ צעמאָלנ מאצע.
14. „גראָכאָווינעס — ארבעס־שטרוי.
15. אכרענ שעל פּייסעך — דער לעצטער טאָג פּייסעך.
16. „פּאָטשינע" — פּריזבע.
17. בענימעס — געמיטלעך, רויק („שאבעסדיק" אינ דעמ קאָנטעקסט).
18. „אכדעס" — אייניקייט, אינ דעמ קאָנטעקסט באטייט עס אר־בעטער־אָרגאניזאציע.
19. כעווערמאנ — א מיטגליד פונ אָרגאניזאציע.
20. האשגאָכע — גיט אכטונג.
21. ביידע פּסאָקימ — ביידע אורטיילנ.
22. טקיעס־קאפּ — א האנט געבנ, אָפּריידנ.
23. א מאראָכע — דאָ באטייט עס: גוט, הייסט עס, וואָס עס האָט זיך אזוי אויסגעלאָזט.
24. כאָמיקל — אויסוואורף — אינעמ קאָנטעקסט.
25. „סיבירניק" — אנ אונטערדריקער, א קאטאָרזשניק, ניט דער

געווייגלעכער באַטייט פון וואָרט קאַטאָרזשניק — ער שאַפט פאַר יענעם אַ קאַטאָרגע.

26. אַטאָרע — קרוין. אין דעם קאָנטעקסט — זילבערנע געוועב אויפן אויבערשטן ראַנד פון טאַלעס.

27. קוטל־הויז — שעכט הויז.

28. „האַצפֿיראָ" — עלטערע העברעיִש־ציִעניסטישע צייטונג אונטער סאָקאָלאָווס רעדאַקציע.

29. מײַמעד — צושטאַנד, לאַגע.

30. נויגעש — אונטערדריקער.

31. שיער — יעשיוועשער טערמין, באַטייט אַ שטיק געמאָרע (פּאָרציע).

32. איי'ל אָדוין — גאָט, האַר — אַזאַ ספּילע.

33. „צמענטאַזש" — קריסטלעכער בעסוילעם.

34. רייקים — פּוסטעפּאַסניקעס, ליידיקגייער.

35. נישט פון היגעדיקן רייסטער — ניט דאָ פֿאַרשריבענע.

36. קראַנט — די זאַך איז פֿאַרזיכערט.

37. „טשיסטאַ — טריסטאַ סאָראָק פּיאַט" דרייהונדערט פינף און פערציק.

38. פּשיסטאַוועצ" — אַ צושטעלער.

39. „אַפּאָפּלעקסיאַ — האַרצשלאָג.

40. „פּאַראַפּיעס" — יעשוווים, וואָס האָבן זיך אָנגעהערט צום קלויסטער.

41. מאָוועס — אַ רעדע.

42. וואַרשעווער פּעפּעעסאָוועץ — מיטגליד פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איצט אַן אויסגעשפּראָכענע סאָציאַל־פֿאַשיסטישע פּאַרטיי, גייט אַריין אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

43. בורמישטש — גאָרטן פונעם שטאָט־הויפּט (שטעטל־הויפּט).

44. „זאָלמעזשי ידאָן, זאָלמעזשי" — סאָלדאַטן גייען, סאָלדאַטן. ריכטיק דאַרף זיין: זאָלניעזשע ידאָן, זאָלניעזשע.

45. כעוורע קענעגעד — קעגן־אָרגאַניזאַציע. אין דער קאָנטעקסט — אָרגאַניזירן אַן אונטערנעמערישע אָרגאַניזאַציעס.

46. „פּראַווידלעס" — שפּאַרהעלצער צו שטיוול.

47. מענאַצייעך געוועזן — באַזיגט.

48. יעכוילעס — לויט דער מעגלעכקייט.

49. פיעקעליק — דער אויבן פונ אויוונ.

50. מיעדייע — ווע־ ווייס.

51. וויעטראק — ווינטמיל.

52. א דערעלע — א קאָפּ־טיכל.

53. „האכנאָסעס קאלע" — געזעלשאפט אפ קלייבנ נעדאָוועס אפ נאדנ געבנ אָרעמע מיידלעכ (רעליגיעז־פילאנטראָפּישע געזעל־שאפט).

54. מיזמער לעדאָויד — א טפילע פונ טילימ — דאָווידס געזאנג.

55. „קידעש האשעם" — אומקומענ אינ גאָטס נאָמענ.

56. „סאָנד", „סענדזע", „פּשאָריקעס" — געריכט, ריכטער, באאמטע.

57. „נו פּאטש־זשע, קאָכאני — נו זע, ליבער מיינער.

58. „זא פוזי גראָש וויפּיטש — אי טאָ נע וואָלנאָ" — פאר אנ אייגענעם גראָשנ אויסטרינקענ — טאָר מענ אויכ ניט.

59. „דויר הוילעכ ועדויר באָ" — איינ דאָר גייט אוועק אונ דער אנדערער קומט.

60. יישעוו — אייצע.

61. מעצאר זיינ — פארשאפנ הארצווייטעק.

62. „אונסאנע טויקעפ" — א טפילע, ווו עס רעדט זיכ, אז יעדנס גוירל ווערט „אָנגעכאסמעט". עס ווערט אָנגעכאסמעט דער אויפנ פונ אומקומענ: דורכ דערטרינקענ ווערנ, פארברענט ווערנ, דורכנ שווערד אומקומענ א. אז. וו. א. ד. גל.

---

עס זיינענ מיסטאָמע פארבליבנ אינ טעקסט אזוינע ווערטער, וואָס פאר די קינדער וועלנ זיי אוואדע זיינ אומפארשטענדלעכ אונ מיר האָבנ זיי ניט דערקלערט. מע דארפ אפ דעם אומשטאנד ווענדנ גרוי־סע אופמערקזאמקייט. עס איז א פארשפרייטע דערשיינונג, אז קינדער (אונ אפילע עלטערע, מיר ווייסנ עס פונ אייגענער פעדאגאָגישער ארבעט) לאָזנ געוויינלעכ דורכ שווערע ווערטער אונ דאָס איז דאָס שעדלעכסטע אינ פעדאגאָגישנ פראָצעס, ווייל די געווינשאפט פאר־בייגיינ באציט זיכ אויכ צו בילדער, באגריפנ, געדאנקענ.

דער לערער דארף אויך האָבן אין זינען, אז אין טעקסט זיינען דאָ אזעלכע שטייגער־דערטיינונגען, וואָס פאר פיל קינדער, (אַפּילע פון דער ד־טער גרופּע) וועלן זיי אינגאנצן זיין אומפארשטענדלעך. למשל, די מייסטע מיט ניט קענען נעמען א געט איבער דעם, וואָס „אין שטעטל איז ניטאָ קיין טייך, וואָס זאָל האָבן א נאָמען" דער אויסדריק „האקאָפּעס געמאכט ארום קלויסטער" א. א. וו., א. ד. גל. מע דארף די דאָזיקע אלע דערשיינונגען דערקלערן.

# אינהאלט


זײַט

1. ש. קליטעניק — וועגן י. מ. ווײַסנבערגס „שטעטל“ (פאָרוואָרט) . . . . 3
2. י. מ. ווײַסנבערג — א שטעטל . . . . . . . . . . . . . . . . 25
3. י. מ. ווײַסנבערג — א דאָר גײט אוועק, א דאָר קומט . . . . . . . . . 91
4. פארגעבונגען . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 102
5. ביבליאָגראפיע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 105
6. באמערקונגען . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 106



Сдано в производство 20/I—33. Подписано к печати 23/III—33
Формат бумаги 82×110[1]/16. 7 печ. л. 72.000 п. зн. в п. л.
«Эмес» 189. Тираж 5.000. Уп. Главлита В—43438
Редактор И. Гринберг, Техред. И. Тененбаум.

Тип. изд-ва «Дер-Эмес», Москва, Покровка, 9.

ЦЕНА [illegible]

[illegible]

287 [illegible] коп.

ШКОЛЬНАЯ БИБЛИОТЕКА

Серия дооктябрьской литературы

И. М. ВАЙСНБЕРГ

# ГОРОДОК

Изд-во „Север", Москва, Старо[illegible] пер., 1.